# לשנה טובה ווינטשן שנת ה׳תשט״ז

די רעדאַקציע פון לשון און לעבן ווינטשט אירע מיטאַרבעטער, לייענער און אַלע יידן בכל מקום שהם אַ כתיבה וחתימה טובה.

---

מר. און מרס. נ. רובין און פאַמיליע ווינטשן אַלע קרובים און פריינט אַ כתיבה וחתימה טובה.

---

משה עובד ווינטשט זיינע קינדער און ברו־דער, פריינט און באַקאַנטע און כל ישראל אַ שנת חיים ושלום און אַ כתיבה וחתימה טובה.

---

יהודה ביעטש, פרוי און טאָכטער, ווינטשן זייער משפחה, ברודער, שוועסטער, מיט זייערע קינדער, קרובים און פריינט בכל מקום שהם, די „פריינט פון יידיש לשון" און „לשון און לעבן" אַ גוט און גליקלעך יאָר.

---

צו אַלע פריינט אין ענגלאַנד און אויסלאַנד, צו אַלע יידן פוןביידע זייטן „פאָרהאַנג" — אַ גוט, געזונט און פריילעך יאָר.

משה בעקערמאַן און פרוי.

---

אהרון ביעטש און פרוי ווינטשן זייערע קינדער, טעכטער, איידעמס און אייניק־לעך, ברידער און שוועגערינס אַ שנת חיים ושלום און אַ כתיבה וחתימה טובה.

---

מנשה ווייסגראַז און קינדער ווינטשן דער גאַנצער משפחה און אַלע גוטע פריינט און באַקאַנטע אַ גוט, געזונט ניי יאָר.

---

אַ גוט, געזונט און גליקלעך יאָר ווינטשן מיר אונדזער טאָכטער העלאַ, איידעם דושאַ, אייניקל זשעקעלין ריטשמאַן, אויך אונזערע משפחה און פריינט, באַזונדערס די „פריינט פון יידיש לשון", „לשון און לעבן" און אַלע פריינט פון די „ליטעראַ־רישע שבת נאָכמיטאָגס".

אייזיק גאָלדבערג און פרוי צביה.

---

רחל מירסקי ווינטשט איר שוועסטער, ברו־דער און משפחה און אַלע גוטע פריינט אַ גוט יאָר.

---

א. בלום און פרוי ווינטשן אַלע פריינט און באַקאַנטע איבעראַל אַ גליקלעך און צו־פרידן יאָר.

---

פרץ אַקערמאַן ווינטשט זיינע קינדער דאָ אין לאַנד, משפחה און קרובים בכל מקום שהם, „פריינט פון יידיש לשון" און „לשון און לעבן" אַ גוט און געזונט יאָר.

---

מר. און מרס. היישריק, ווינטשן זייער שוואָגער אין קראקא, פוילן, אַ רפואה שלמה צום נייעם יאָר, און אַלע קרובים אין ארץ ישראל און בראַזיליע, אַ שנה טובה ומתוקה.

---

„פריינט פון יידיש לשון" ווינטשט אַלע זיינע מיטגלידער אַ כתיבה וחתימה טובה.

---

דער קאָמיטעט פון וועסט ענד בראַנטש פון „פריינט פון יידיש לשון" באַגריסט אַלע קולטורעלע געזעלשאַפטן וואָס אַרבעטן פאַר אויפהאַלטן די יידישע קולטור. מיר ווינטשן אַלעמען אַן ערפאָלגרייכע טעטי־קייט פאַר קומענדן יאָר.

אין נאָמען פון אונזער קאָמיטעט,

ש. לעמעל, פאָרזיצער.

---

איסט לאָנדאָן ציוניסטישע פרויען פאַראיין (וויצא). די האָנ. אָפיסערס ווינטשן זייערע מיטגלידער, פריינט, באַקאַנטע, כלל ישראל און מדינת ישראל, אַ שנת חיים ושלום און אַ כתיבה וחתימה טובה.

---

חיים גרשון אבערמאַן און פרוי ווינטשן אַ כתיבה וחתימה טובה קרובים, פריינט, די נעלסאָן שול און רבי שפעטמאַן.

---

ל. אלמאַן און פרוי, מאַנטשעסטער, ווינטשן אַלע פריינט פון דער יידישער שפראַך און קולטור אַ געזונט און פריילעך יאָר.

---

אַלע אונדזערע קרובים, חברים און פריינט דאָ אין ענגלאַנד און מעבר לים ווינטשן מיר צום נייעם יאָר געזונט און צום גע־זונט אין אַן אויפבלי פון אונדזער פאָלק אין זיין גייסטיקער ירושה.

אליהו פאָלושאַק און טאָכטער יוליה פעליציא.—לאָנדאָן

---

צו אַלע אונזערע פריינט פון יידיש לשון אונזערע ווונטשן אויף פיל גליק און אַלעס גוטעס אויף אונזער נייעם יאָר. לשנה טובה תכתבו ותחתמו.

שלמה חיים לונדון.

---

סיידי שעני ווינטשט איר פאַמיליע און „פריינט פון יידיש לשון" אַ גוט און גע־זונט יאָר.

---

מרס. דריטש און ברודער ווינטשן משפחה, פריינט, אַלע זייערע געסט און כל ישראל אַ כתיבה וחתימה טובה.

קאָוסט האָטעל, האָלאַנד רויד, וועסטקליף.

---

מאַרי ביעטש ווינטשט זיין טאָכטער, איידעם און זון, ברידער און שוועסטער, אַלע „פריינט פון יידיש לשון" אַ גוט יאָר און אַ כתיבה וחתימה טובה.

---

אַ גוט געזונט און פריילעך יאָר צו אַלע פריינט, משפחה און יידן אויף דער גאַנ־צער וועלט.

מ. דעלמאַן.

---

יצחק עדעלבאַום און פרוי ווינטשן אַלע זייערע קרובים, ברידער, שוועסטער און פריינט אין אַמעריקע, אין האָלאַנד און דאָ אין ענגלאַנד, אַ כתיבה וחתימה טובה.

---

# לשון און לעבן

חודש-זשורנאַל פאַר ליטעראַטור, טעאַטער, קונסט און קולטור.

נומער 9 (העפט 288) זעכצנטער יאָרגאַנג סעפּטעמבער 1955 לאָנדאָן

## חג היובלס . . .

### 15 יאָר „לשון און לעבן"

פופצן פולע יאָר אַז עס דערשיינט אַ חודש־זשורנאַל אין לאָנדאָן, איז עס נישט נאָר אַ יובל־יום־טוב, נאָר ממש אַ נס מן השמים. ווען ער, דער זשורנאַל זאָל באַקומען לשון און אָנהויבן דערציילן, ווי אַזוי ער דערזעט די ליכטיקע וועלט, ווי אַזוי ער באַקומט לעבן און לעבט, וואָלט עס געווען אַ ווונדערלעכע מעשה פול מיט נסים ונפלאות. די געשיכטע פון „לשון און לעבן" איז „די גע־שיכטע פון טויזנט און איין נאַכט"! מיט דעם־אָ כוח וואָס עס שרייבט זיך נאָך דאָ, וואָס עס דערציילט זיך און עס זינגט זיך, מיט דעם שעפערישן כוח לעבט דער זשורנאַל—עס איז דאָס ליכטעלע אין דער טאַפּנדיקער פינסטערניש דאָ.

האַנט אין האַנט מיט „פריינט פון יידיש לשון" גייט „לשון און לעבן" און די אַרבעט דרייט זיך אַרום, ווי אין אַ לאַבירינט; קיין קלאַמקע צו געפינען, קיין טיר ווו עס עפנט זיך . . . און פון דרויסן ווער עס פאַלט אַריין איז צווישן איי־גענע, ווי אין אַ יידישלעך אָפענע טיר, און ווער עס פאַלט־אָן — איז ווי אַ יונג אַ יידישע אויף סוכה! . . .

די „פראַקטישע אַרבעט", די „איינגאַמע" ביי די קולטור־אָוונטן, וואָס „פריינט פון יידיש לשון" אָרדנט איין, איז די שטיצע פון „לשון און לעבן", און די טרייב־קראַפט פאַר דער קולטור־טעטיקייט פון „פריינט פון יידיש לשון" איז די שעפערישע אַרבעט פון אַ זשורנאַל. — עס איז דער אייביקער חוזר חלילה, דער פער פעדום מאָבילע, וואָס איין כוח טרייבט דעם אַנדערן; עס מוז זיין אַ זשורנאַל כדי די קולטור אַרבעט זאָל אָנגיין און עס מוז זיין די קולטור־טעטיקייט כדי אַ זשורנאַל זאָל קענען עקזיסטירן — עס איז די מאָטאָרישער באַוועגלעכקייט און די אַטמאָספערע, וואָס דערמעגלעכן דאָס לעבן און דער־האַלטן עס.

דאָס איז דאָס גרויסע ווונדער פונם באַגריף לעבן, פון חי נושא את עצמו!

און אויב דאָס נס חזרט זיך איבער אַזוי נאַטירלעך פשוט, פון שבת צו שבת, מצי חודש בחדשו, שוין 15 יאָר, ווערט דאָס געשריי „יידיש איז טויט", „יידיש גייט אונטער", אַן אויסגעדראָשענע טויטע פראַזע.

און ס׳איז גאַנץ נאַטירלעך, אַז דער פּאַראַזיט, וואָס וויל „מאַכן אַ לעבן" פון יידיש, מוז שרייען, אַז „יידיש גייט אונטער", וואָרים ווען נישט, ווי אַזוי וועט ער „מאַכן אַ לעבן", דער פּאַראַזיט לעבט דאָך נאָר פון דעם וואָס גייט אונטער, פון דעם מאַרבידן! די געדונגענע קברנים פון יידיש־לשון מוזן דאָך שרייען אַז יידיש איז טויט, כדי זיי זאָלן אַרויסרייסן די גאָלדענע ציינער פונם מויל פון אונזער מאַמע לשון.

פאַר די אָבער, וואָס יידיש איז אומשטערבלעך מיט די מיליאָנען אומשטערבלעכע קדושים, איז יידיש אייביק ווי דאָס יידישע לעבן. עס איז שקול און וועגט־איבער די זעקס מיליאָן אַסימילאַנטן פון אונזער שטאַרבנדיקן דור. קיין אונטערשיד אין וואָסער פּאָליטישן לאַגער זיי זאָלן נישט זיין, צי זיי זיינען יידישע ענקאַוועדעיסטן צי בעלי ביתישע כבודיסטן, אָדער וועלכע קולטור־קוליס זיי זיינען. עס איז נישט גענוי קלאָר דער חשבון ווער פון זיי איז מער שולדיקער אינם צעשעדיקטן און דערנידריקט מצב פון דער יידישער קולטור.

פאַרן יידישן שעפערישן מענטש אָבער איז יידיש, יענע פלאַש, וואָס אַ דערטרונקענער וואַרפט נאָך אויף די שטורעמדיקע כוואַליעס אַרויף, מיט זיינע לעצטע ווערטער, מיט זיין ס.אָ.ס.־שליחות צו די לעבעדיק געבליבענע. די פלאַש טוקט זיך, גייט אונטער און קומט ווידער אַרויף, גייט אונטער און קומט ווידער אַרויף, ביז זי ווערט אויפגעכאַפּט פון אַ רעטנדיקע האַנט ביי אַ ברעג, ערגעץ־ווו.

אַז אַ זשורנאַל ווערט אַלט 15 יאָר עלטערט מען זיך מיט אים, אין גוטן ווי אין שלעכטן, און מען הויבט שוין אָן צו פאַרשטיין דעם פשט פון „אין סומכין על הנס" . . . אַפילו דאָס קריגעלע בוימאייל מיט דער חתימה פון כהן גדול האָט נאָר געסטייעט צו אַ באַשטימטער צייט ! און ערשט אַ צעבראָכנס . . . דערפאַר איז דער קולטור־מאַרק אינם „אוגערקע־סעזאָן", געוועזן צום האַרצן.

די שנעל צוזאַמענגערופענע כל „הפאַרטייען־פונקציאָנערן און שול־וואַרדן"־קאָנפערענץ פונם וועלט־קאָנגרעס, מכוח יידישע קולטור אַרבעט אין ווייטשעפל (די אַנדערע יידן און סינאַגאָגע־גבאים געהערן שוין נאַטירלעך צום העכערן ענגלישן קולטור־קרייז) ; דער על־רגל־אחתדיקער „יידישע שריפטן" ; די 1,000 עקספּאָנאַטן־ייוואָ־אויסשטעלונג — עס איז געוועזן צום האַרצן, כאָטש אין נאָז האָט עס אַ ביסל געקיצלט מיט ריח פון קרעמאַטאָריום רויך — עס איז געוועזן פאַר די פאַרטיילונג פון נייעם יאָר די „יד ושם"־ דייטשע־געלדער. (דער טומל פון דער לאָנדאָנער אויסשטעלונג האָט אפנים דאָך אַ ביסל אויפגעהויבן דעם שטויב און לויט ווי מיר הערן האָט זיך דער ייוואָ אָפּגעזאָגט פון די טריפה־געלדער).

און שוין שטייען „די יידישע שריפטן" מיטן צווייטן נומער און פאָדערן פון באַרנעט זשאַנער און לעווענבערגן „ממשותדיקע הילף פאַר דער היגער יידישער פרעסע און לעבעדיקן יידישן וואָרט". און אַלס לעבעדיקע עדות שטייען זיי מיט זייערע פּיקטשורס צווישן די „קרוב 900 עקספּאָנאַטן", אַז עס זאָל נישט בלייבן קיין בלויזער צוזאָג. דאָס וואָס באַרנעט זשאַנער האָט בפירוש צוגעזאָגט און דר. לעווענבערג האָט „סטימולירט" צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ.

„מען דאַרף נישט פאַרגעסן, אַז באַרנעט זשאַנער איז קודם כל אַ מיטגליד פון בריטישן פאַרלאַמענט (מ.פּ), ער איז פּרעזידענט פון די ציוניסטישע פעדעראַציע אין גרויס בריטאַניע און דער אויסגעוויילטער פּרעזידענט פון באָרד אָף דעפּוטיס" און דערצו נאָך „דר. לעווענבערגס תמימות", אַזוי גיסט זיך די איבער דריי לייט־אַרטיקלען פונם רעדאַקטאָר פון די 16־זייטיקע יידישע



שריפטן. און מיטן כוח פון אַן אייגענעם, אַ 30־יאָריקן מיטגליד פון מפ"אי : „זיי", (די אייגענע מענטשן), מוזן נאָר וויסן, אַז אַזעלכע געלדער, וואָס זיינען : לעבעדיק צאַפּלדיק מאַרך און בלוט פון אונזער אויסגעמאָרדעט פאָלק מוזן אַנדערש און אונטער פיל גרעסערער קאָנטראָל פאַרטיילט ווערן".

און צום סוף שוין פון לעצטן פון די דריי לייטאַרטיקלען, לאָזט ער שוין אויס ווי דער בר סמכא מיט אַ „בדידי הווא עובדא", ווי דער באַרופענער וואָרט־פירער, פאַר דער היגער יידישער פרעסע : „לסוף וועלן מיר נאָך מוסיף זיין, אַז מיר וועלן מאַכן אַ פּרווו אָפּצורוימען דאָ אַ ביסל דעם זשאַרגאָנישן זנות".

ביי אַזאַ צושטאַנד אויף דער יידישער גאַס מיט דער אונטערשטיצונג פון פאַרטיי־פונקציאָנערן און בכבודיקע נגידימלעך, קאָנען מיר זיך נאָר ווייטער סומך זיין אויפן אייביק שעפערישן וווּנדער פונם יידישן וואָרט. און אויב דאָס נס איז געשען, אַז מיר פייערן אַ 15־יאָריקן יובל, פאַרוואָס נישט צו האָפן אויף אַ 50־יאָריקן יובל.

## 300 יאר יידן אין ענגלאנד

דעם היינטיקן יאָר וועט דער יידישער ישוב אין ענגלאַנד שטיין אינם ליכט פון זיין צוריקקער מיט 300 צו דער אינזל פון וועלכער זי איז פאַרטריבן געיאָ, פאַר דריי הונדערט יאָר זיינען מיר אָפיציעל, מיט אַ דערלויבעניש, מיט אַן איינלאַדונג צוריקגעקומען קיין ענגלאַנד.

ענגלישע לעגענדעס פאַרפירן אפילו יונה הנביא'ן אינם בויך פונם פיש דאָ אַהער, צו דער אינזל, און בויען אויף קאַפּליצעס פאַר זייער כבוד וועגן.

אָבער מיט 800 יאָר צוריק געפינט זיך שוין איינער פון די בעלי תוספות ווי אַ תושב דאָ אין ענגלאַנד. און רבי אברהם אבן עזרא האָט נאָך פריער דאָ, ווי אַ גאַסט דאָ ביי רייכע לאָנדאָנער יידן, געשריבן טיילן פון זיין פירוש אויפן תנ"ך. און דאָ אין לאָנדאָן האָט ער געהאַט זיין שבת־וויזיע און געשריבן זיין שיר צום שבת. און אין די אַלטע שטעטלעך פון סאָמערסעט, אינם אור־שפּרונג פון דער ענגלישער מלוכה, אין דער שטאָט פונם לעגענדאַרישן קעניג אַרטור, ווערן אָנגעוויזן פּלעצער, ווו אַ ייד האָט געוווינט נאָך פאַר דער קריסטלעכער צייט רעכענונג. יידן זאָל דאָרטן זיין אַהערגעקומען קויפן בליי, געבויט זיך צייטווייליק בתי־תפילה און געבליבן דאָ און געקומען צו קבר ישראל.

צווישן די רוימישע לעגיאָנערן זאָל געוועזן זיין יידישע זעלנער ! און נאָכן ערשטן חורבן נאָך זאָל נבכדנצר דאָ, אויף דער אינזל האָבן אַהער פאַרטריבן יידישע געפאַנגענע.

נאַטירלעך געהערן די לעגענדעס צו פּרע־היסטאָריע, יידישע און ענגלישע, אָבער וועגן די 300 יאָר, נאָכן צוריקקער קיין ענגלאַנד וועט „לשון און לעבן", אין די 12 נומערן פונם קומענדיקן יאָר, לויט זיינע כוחות און מעגלעכקייטן, פּרווון צו באַלייכטן לויט דעם ליכט פון דער געשיכטע און געשעענישן. און נאַטירלעך וועלן מיר האָבן אין אויג דער עיקר דעם פעריאָד פון דער מזרח־אייראָפּעישע איינוואַנדערונג.

## צו שלום אַש׳ס 75־טן געבוירן־יאָר

עס איז שוין די לעצטע שעה, די 12־טע ביים אָפּשליסן דעם לעצטן נומער פון „לשון און לעבן", דעם 12־טן נומער, פון הייאָר, ווען עס איז אויסגעפאַלן אַזאַ וויכטיקע דאַטע, דער 75־טער געבוירן יאָר פון שלום אַש.

עס איז נישט, ווייל די האַנט האָט זיך ניט געהויבן צום שרייבן, צי זי האָט נישט געפונען גענוג ווערטער צו באַצייכענען מיט זיי די פייערלעכקייט פון אַזאַ וויכטיקן און פייערלעכן דאַטע, ווען אַזאַ שרייבער פון אַזאַ פאָרמאַט, ווי שלום אַש, ווערט אַלט 75 יאָר; עס איז ווייל די האַנט גיט אַ ציטער ביי יעדן וואָרט, וואָס ווילט זיך יאָ אויף שרייבן און קען נישט דערשרייבן, זי שרייבט אַ וואָרט און זי פאַרמעקט עס, זי שרייבט אַ שורה איבער אַ שורה, און דאָס געמעק איבער זיי קרימט זיך און הויקערט זיך און בייגט זיך, ווי תגין איבער אותיות—עס קריינדלט זיך אויס אַ קרוין, אַ דערנער קרוין איבער אונזער ליטעראַטור.

און צי איז ער דען נישט דער ארי שבחבורא פון אונזערע שרייבער אין אונזער דור? און צי זיינען דען נישט אונזערע ראָמאַנען שרייבער פון איצט די יוצאי חלציו פון אים? די קליינע אויסנאַמען זיינען אויך נאָך גענוג באַאיינפלוסט, אויב נישט פון זיין סטיל, איז עס פון זיין פאָרעם.

נאָך די קאַלט־לויטערע בערג־קוואַלן, ספּאָנטאַן־שפּרודלדיקע און שפּריצעדיקע סטאַק־פאָנטאַנען פון אונזערע קלאַסיקער; נאָכדעם ווי אונזער טויזנט־יאָריקער פאָלקלאָר און שעפעריש־שעפּטשענדיקער סימבאַליק האָט לשון באַקומען און זיך צעגאָסן ווי אַ טייך, פלייצנדיק און רוישיק און ברייט, האָט דער יונגער שלום אַש, מיט אַ באַהאַלטענעם כוחות־ראַזמאַך פון דורות, צענומען זיינע אָרעמס און דאָס שטעטל אונזערס, דאָס קאַבצאַנסקע פאַרבלאָטיקטע און פאַרוואָרלאָזענע, איז באַפעלדערט און באַלאַנקעט געוואָרן, באַוועלדערט און באַגערטנערט מיט די סאַסנעדיקע וועלדער און פלוימען־ און עפּל־סעדער.

און אונטערן שטראַלנדיקן הימל, וואָס ער האָט געצויגן איבערן שטעטל, מיט זיין שנעלן און ליכטיקן פענזל, מיט די לייכטע צאַרטע פאַרבן, ווי האָט ער די ליבע אויפגעוועקט אין יידישן געסל, און ווי האָט זיך דאָס שווערע מאַמע־האַרץ אָן עפן געטון מיט אַזוי פיל הימל — — —

די יידישע ליריק האָט זיך צעוואַקסן פון זיין פּראָזע! און ווי האָט ער עס, דאָס שטעטל אַריבערגעטראָגן צו די יידן קיין אַמעריקע, און ווי האָט עס צווישן די חלוצים אין ישראל פאַרפלאַנצט אין קבוצות.

און נאַטירלעך, ביי דער צעשפּרייטקייט פון אונזער לעבן — אין געשיכטלעכער צייט און על ארבע פינות־הארציקן רוים! — און ביי דעם ראָזמאַך פון אַ שרייבער ווי שלום אַש, וואָס מיינט, אַז ער מוז אַלץ פאַרכאַפּן, פון דער ווייסל ביזן איסט־ריווער, פון גאָסטאַנין ביז נצרת, פון רבי שלמהן, ביז משה רבינו, פון גאָט פון נקמה ביז צום עלעקטרישן שטול — הויבן זיך אָן צו שיבן קוליסן און עס גייט אויף רעדלעך און פונם דינינקן אימפּרעסיאָניסטישן פענזל ווערט אַ מאָלער־באַרשט וואָס פּילמט איבער דער ברייטער לייוונט.



אַלע אידעען און פּראָבלעמען מוז ער ברייט און וויל באַוווסט באַרירן, אַז עס הויבט שוין אַזש אָן צו שווינדלען אינם מוח.

בעסער אָפּהאַקן, וואָרים די ווערטער הייבן זיך שוין אָן צו מעקן און בייגן, די שורות, זיך צו קרימען און הויקערן. און אינם 12־טן חודש אין די 12־טע שעה, אין די לעצטע מינוט צום נייעם יאָר אויסלאָזן מיט דעם שפּרוך וואָס פרומע יידן זאָגן בשעת זיי עסן דאָס קעפּל פונם לאַם: „לראש ולא לזנב".

ווינטשן מיר אים און זיך, אַז ער, שלום אַש, זאָל בלייבן דער גרויסער יידישער שרייבער, דער ארי שבחבורא פונם מאָדערנעם יידישן ראָמאַן, נישט קיין נאָכשלעפּער פון דער אייראָפּעאישער ליטעראַטור (וואָס ער האַלט אין איין געבן עס אונז אין נדן אַריין). וואָרים אין דער אייראָפּעאישער ליטעראַטור וועט ער אפילו נישט בלייבן קיין „זנב לאריות".

נישט ווייל חלילה די שאַפער פון דער יידישער ליטעראַטור זיינען אַזוי קליין לגבי דער גרויסער אייראָפּעאישער, נאָר ווייל, אַז מען בלייבט אין פאָלק, מיט עכט קוטנער לשון אין מויל, איז „שכינה מדברת מתוך גרונו". אויב אָבער מ׳רייבט זיך אויפן ביכער מאַרק צווישן „בעסט־סעלערס", ווערט מען — — —

נאַטירלעך מוז אַ שרייבער נישט שרייבן דווקא איבער אַן „אידיאָט", ער קאָן שרייבן איבער דעם פּיקח פּאוולוס; ער מוז נישט שרייבן איבער „די יונג־פרוי" אין דער שווייץ, ער קאָן שרייבן איבער מאַריא פון נצרת.

אָבער ווערן אַ מעקלער פון געוויסע יהודימשע מיניסטאָרן און „מיניסטערס", פאַר אַן אײדעלע מאַטעריע וואָס קאָן נאָך אָפּשלאָגן בעסער ווי דער מסחר פון דייטשע סחורות? אַלץ איז מעגלעך ביי אַזאַ ראָזמאַך פון כוחות וואָס ווילן אַלץ אַרומכאַפּן — ווינטשן מיר דעם בעל יובל די פאַרטיפטע אינערלעכקייט פון זיין אַמאָליקער עכטער שטעטלדיקער שעפערישקייט, אַז מיר זאָלן קאָנען מיט פרייד תפילהדיק פאַראַפראַזירן: „אשרי שזקנתנו לא ביישה את ילדתנו".

## משה עובד אַ בן־שבעים

דעם חודש ווערט משה עובד אַלט פולע 70 יאָר. עובד, ווי אַ שרייבער, ווי אַ פּלאַסטישער קינסטלער, ווי אַ געזעלשאַפטלעך און קולטור טעטיקער מענטש האָט באַשיינט דאָ אונזער יידיש־וועלטל אין די יאָרן פון זיין אַקטיווקייט, מיט זיין חברישער פּערזענלעכקייט און התלהבות צו יעדער יידישער זאַך — און דער עיקר מיט זיין ליבשאַפט צו יידיש!

איצט אין זיין אָפּוועזנהייט, אין די לעצטע יאָרן פון זיין שווערע קראַנקייט, ווילן מיר אים צורופן דעם זכרונות־פּסוק: „זכרתי לך חסד נעריך"! נישט נאָר ווען זיינע, משה עובד׳ס ביכער באַשיינען דעם ספרים־אַלמער פון די לאָנדאָנער יידישער שרייבער, נאָר אויך ביכער פון שרייבער, מחוץ לאָנדאָן, וואָס זייערע ביכער קומען אַריין אין דער גרויסער ביכער שאַנק פון דער יידישער ליטעראַטור, זיי וואָלטן נישט דערגרייכט זייער פּלאַץ, ווען נישט אַ דאַנק די ליבשאַפט צו יידיש און די חברישקייט פון משה עובד.

מיר ווינטשן אים צו זיין יובל, קודם געזונטע און לאַנגע יאָרן, און אַ צוריקקער צו זיין אַמאָליקער שעפערישער אַקטיווקייט.

יהודה ביעטש

## דער קאַליע־געמאַכטער קדיש...

אַלעמאָל ווען ס'איז געקומען אָסיען־צייט האָט זיך אָנגעהויבן דאָס שטעלן צום פּריזיוו פון די יונגע־לייט אין די שטעטלעך פון רוסיש־פּוילן. אָבער אין דעם יאָר 1912 האָט גאָר באַזונדערס זיך געקאָכט אין דעם קליינעם שטעטל ראַווא מאַזאָוויעצקאַ. אפּנים, אַז ס'איז שוין אָנגעצייכנט געוואָרן מן השמים, אַז ביי יידן זאָל קיינמאָל נישט פעלן קיין דאגות. דער גערודער האָט מייסטנס געדרייט זיך אַרום די צוויי גאָר געהויבענע יונגע־לייט, וועלכע האָבן געדאַרפט אין אייניקע טעג זיך שטעלן צום פּריזיוו. דעם רבינס זון ר' יצחקל, אַ דאַרער, אַ שעמעוודיקער מיט קיילעכדיקע איבערגעשראָקענע אויגן, אַז ס'איז אַ סכנה אַזוינס אַרויסצולאָזן אויף דער וועלט, און שלמה פילאָזאָף, אַ יונג אַ ברען, אַ פריילעכער מיט אַ מויל ווי אויף שרויפן. ער איז געווען דער זון פונם נגיד, ר' איטשעלע האָלצהענדלער, וועלכער איז געווען כמעט ווי דער צווייטער יש אינם שטעטל.

קיין גרויסער אָפּגעהיטענער ייד, ווי עס פּאַסט פאַר ר' איטשעלען, איז שלמה נישט געווען. פון אַ גוטן ביסן און אַ שטאַרק ביסל בראָנפן האָט ער קיינמאָל זיך נישט אָפּגעזאָגט. געטון אַלעמען צו להכעיס, ליב געהאַט אַן אַוואַנטורעלע, אַז ס'שטעטל זאָל גיין אויף רעדלעך... פון צייט צו צייט אַריינכאַפּן זיך צו אברהם קאַפּעטש שבת נאָכן טשאָלנט, בעת די בעלי־בתים זיינען געשמאַק געשלאָפן; כאַפּן אַ טענצל, טרעפן זיך מיט אַ מיידל און דאַן זיך געלאָזט מיט איר שפּאַצירן הינטער דער שטאָט; און סתם אַמאָל אָפּטון ווילדע שטיק.

אין שטיבל, וווּ שלמה האָט געלערנט, האָט מען קרום געקוקט אויף זיין פּירעכץ. ער האָט זיך עפּעס צופיל געפּוצט: די שטיוועלעך האָבן געגלאַנצט, דאָס קעלנערל פון העמד ווייס, און בשתיקה געשריבן לידלעך, אויף יעדן געשעעניש, וואָס איז זיך פאַרלאָפן אין שטעטל. דער דאָזאָר, נח דער לאַנגער, וועלכער האָט געהאַט אַ צעלניק קראָם, אַ „גאַלאַנטעריע געשעפט" אין מאַרק, האָט תמיד געסטראַשעט, אַז דער מחבר פון די דאָזיקע לידלעך וועט האָבן אַ ביטערן סוף. אַחוץ דעם האָט שלמה געהאַט אַ טבע אַריינצוקוקן אין אַ ספר מיט די אויגן און נישט אַרויסגעלאָזט אַ וואָרט פונם מויל, בשעת דאָס גאַנצע שטיבל האָט געהילכט מיטן גמרא־ניגון פון צענדליקע בחורים. חסידים האָבן שטילערהייט אונטערגעמורמלט, אַז מ'דאַרף אים פּאַטשן און אַרויסוואַרפן פונם שטיבל. מ'האָט אים אָבער נישט געטשעפּעט, מחמת צוויי טעמים: ראשית האָט מען נישט געוואָלט ר' איטשעלען מצער זיין. שנית האָבן די לערנער אין שטיבל פּשוט מורא געהאַט פאַר זיין לומדישן קאָפּ, זיי זאָלן פאַר אים נישט פאַרשעמט ווערן. אין שטיבל האָט מען געשמועסט, אַז ער קען דעם זוהר אויסווייניק און פאַרשטייט אַלע סימנים, פּאַסיקלעך און שטרייכעלעך פון „רזיאל המלאך".

אין די קאַלטע ווינטער פאַרנאַכטן, צווישן מנחה־מעריב, בעת מען האָט געטרונקן טיי פון מעכל זויערס סאַמאָוואַר און געשמועסט אַ ביסל פון מילי־



דעלמא, איז דער ראש־המדברים ווי געוויינטלעך געווען שלמה פילאָזאָף. ער האָט תמיד געהאַט אַ גאַנצע פּעק מיט נייעס. אָנדערציילט זיך חידושים פון דער וועלט. גערעדט האָט ער געלאַסן, ווי עס פּאַסט פאַר איינעם וואָס ווייס, אַז זיינס אַ וואָרט האָט אַ ווערט, איז תמיד אָנגעלייגט און עולם הערט זיך צו מיט חשק. בשעת מעשה זיך געוויצלט און געזאָגט גלייכווערטלעך. אַז אַ פרישׁ בחורל איז אָנגעקומען אינם שטיבל, וועלכער האָט נאָך נישט געקענט זיינע שטיק, פלעגט שלמה צוגיין צו אים און געזאָגט מיט אַ לגמרי קיין געמאַכטן רחמנות צו דעם פרישן באַנק־קוועטשער און טאָג־עסער:

— זעסט, דאָ האָב איך אַ געפּרווירענעם צאָן...

— אַ געפּרווירענעם צאָן — וווּנדערט זיך יענער — וואָס הייסט דאָס?

— אָט־אָ דאָ — עפנט ער אויף דאָס מויל — שטעק אַריין דעם פינגער וועסטו זען... — און אַז יענער שטעקט אַריין דעם פינגער, גיט ער אים אַ ביס, אַז יענער פאַרקייכט זיך און זעט די עלטער־באָבע...

די לעצטע טעג פאַרן שטעלן־זיך פון די צוויי יונגע־לייטלעך, איז אין שטעטל געווען לעבעדיק. נישט געקוקט אויף די פייכטע פרימאָרגנס זיינען אין מאַרק געשטאַנען יידן גרופּנווייז; שטאַרק זיך געאַמפּערט וועגן דעם אויסגאַנג פון זייער גורל, ווי וועגן עפּעס אַ האַרבן ענין אין דער גמרא. נו, מילא, אַז שלמה פילאָזאָף וועט דאַרפן גיין דינען דעם קיסר, וועמענס עסק איז דאָס? זאָל ער גיין געזונטערהייט, וועט זיין ווייניקער מיט אַן עזות־פּנים, אַ חוטא ומחטיא! די שטאָט וועט דערפון נישט האָבן קיין היזק...

„אגב דאַרף דאָס מיליטער האָבן קלוגע מענטשן..." האָט מיט אַ ציניש שמייכעלע געזאָגט משה שרה זיסלס, דער איידעם פונם לאַנגען נח, אַ צעוואַקסענער פאַרשוין מיט אַ באָרד, וועלכע איז נאָר געוואַקסן אין דער ברייט, אַז מען קען זאָגן, אַז ס'איז ביי אים געווען מער באָרד ווי פּנים. און אויסגעזען, ווי צו בעטן זיך, אַז מען זאָל איר פּאַלמעסן און טיילן אין צוויי, האַלב אויף רעכטס, האַלב אויף לינקס. „די צרה איז", האָט משה שרה זיסלס אונטערגעברומט מיט אַן אויסגעצויגענעם גמרא־ניגון, „וואָס ר' יצחקל דאַרף זיך טאַקע מאָרגן שטעלן צו דער פּריסודסטוווע".

„חכם בלילה ושוטה ביום", איז איסר שוחט, אַ יידל אַ נידריקס, וועלכן מען האָט אין שטעטל גערופן דער קורצער פּרייטיק, אים אַריינגעפאַלן אין די רייד, שטאַרק געקנייטשט זיין הויכן רבנישן שטערן, ווי ער וואָלט פון ערגעץ געוואַרט אויף עפּעס אַ רמז, און מיט האַלבע נישט זיכערע ווערטער זיך אָנגערופן: „נישקשה, נישקשה, ר' יצחקל וועט אינגאַנצן נישט דאַרפן זיך שטעלן, זכות־אבות וועלן אים ביישטיין. אַ קלייניקייט דעם סאָבאַטשאָווערס אַן אייניקל! אגב, ווע̇ט שטאָט נישט דערלאָזן צו אַזאַ זאַך. ווי זאָגט מען קול המון כקול שדי, זיין ווייסער בילעט איז געזיכערט"...

„פאַרגעסט נישט, אַז ר' איטשעלעס זון, שלמה פילאָזאָף, ווי מען רופט אים, איז נישט אַבי ווער. שפּייען אין דער קאַשע וועט ער זיך נישט לאָזן", האָט געזאָגט בערל טלית־מאַכער, אַן אָרעמער בעל־בית אינם שטעטל, וועלכער דאַ־

וועגט אינם זעלבן שטיבל, וואָס ר׳ איטשעלע, אין אַן עת צרה כאַפּט ער אַמאָל אַ גמילת־חסד ביי אים. בערל פּלעגט תמיד שטאַרק זיך היטן פאַר אַן איבריקן וואָרט, בשעת די שטאָט־בעלי־בתים האָבן זיך אויף ר׳ איטשעלען געקלאָגט, מחמת די הויכע פּרייזן, וואָס ער נעמט פאַר די פּורלעך האָלץ פון די אָרעמע יידן. אָבער דאָס מאָל האָט בערל זיך שטאַרק געהיצט און ביי יעדן וואָרט אונטערגעשפּרונגען. ס׳האָט אויסגעזען, אַז אָט־אָט כאַפּט ער די באָרד פון משה שרה זיסלס און מאַכט פון איר אַ תל עולם.

מיט יעדער שעה איז אין מאַרק אויסגעוואַקסן נייע רעדלעך מיט יידן, מען האָט זיך געוויצלט, געלאַכט, אַזוי ווי ס׳וואָלט קיין אַנדערע דאגות נישט געווען אינם שטעטל.

דער היפּוך פון שלמה פּילאָזאָף איז געווען זיסקינד, דער לערער פאַר מיידלעך, וועלכער האָט געלערנט שרייבן פון אַ בריוונשטעלער. זיין פּרנסה האָט ער געצויגן פון געבן „שטונדן“. לערנען אַ ביסל יידיש, פּויליש, רעכענען און אויך כתיבנען. ער איז געווען אַ הויכער מיט אַ פאַרשווירן האָרט זילבער בערדל, וואָס האָט אויסגעזען ווי אַ פאַרשנייטער קמץ. אַ לענגלעכע נאָז מיט אַ הויקערדיקן ביין אינדערמיט אויף וועלכן ס׳זיינען געזעסן אַ פּאָר זילבערנע ברילן. אַ ייד צווישן יידן, און דאָך נישט גלייך צו אַלע. אָנגעטון האַלב דייטש, געטראָגן אַ האַרטן קאַפּעלוש סיי זומער, סיי ווינטער.

גערופן האָט מען אים דער לץ, מחמת ער האָט ליב געהאַט ליצנות צו טרייבן, דאָס הייסט אָפּטון יענעם אויף טערקיש. תמיד אין מויל געהאַלטן אַזאַ קליין פּייקעלע, וואָס האָט אויסגעזען ווי חוזק צו זיין לענגלעך לאַמטערן־אַרטיק פּנים. און דער רויך פון דעם פּייקעלע האָט אים איינגעהילט אין אַ קליינעם בלוילעכן וואָלקן. צוזאַמען מיטן רויך פון מויל האָט זיך געשאָטן אַ מבול פון ווערטער, גיך, האַסטיק, גלייך ווי ער האָט קיין צייט נישט און האָט מורא, אַז ער וועט פאַרשפּעטיקן עפּעס אַ וויכטיקע זאַך.

דער זיסקינד האָט געהאַט אַ מיאוסע טבע, ווו נאָר ערגעץ אַ רעדל מיט יידן, זיך צוגעשטעלט און תמיד געהאַט עפּעס צו זאָגן, אַז ס׳זאָל אָננעמען ביי דער זיבעטער ריפּ. דערזעענדיק די רעדלעך יידן, האָט ער זיך געחידושט, וואָס שטאָט־בעלי־בתים האָבן נישט עפּעס בעסערס צו טון, ווי צו אַמפּערן זיך איבער זאַכן, וואָס איז אויסער זייער גבול. אַ קרום שמייכעלע האָט פּלוצלינג זיך באַוויזן אויף זיין פּנים און געבליבן הענגען אויפן זילבער קמץ־בערדל, און מיט זיינע דינע ליפּן געסמאָטשקעט: „טצע, טצע, זעט נאָר! זעט נאָר! וואָס דאָ טוט זיך. ס׳גאַנצע שטעטל גייט ווי אויף רעדלעך. עמך האָט אָוועקגעוואָרפן שער און אייזן, הפקר פּעטרושקע, צוליב וועמען, צוליב וואָס?“...

ער האָט לאַנג נישט געטראַכט, און ווי זיין שטייגער איז געווען, וואָס גיכער צו פאַראינטערעסירן דעם עולם מיט זיינע איינפאַלן און בדרך הלצה זיך אָנגערופן:

הערט אַ מעשה: אַ באַוווסטער רב איז אַמאָל געפאָרן צוזאַמען מיטן גביר אויף אַ חתונה אין אַן אַנדער שטעטל. אויפן וועג האָט זיך דער וואָגן איבערגע־



קערט און בײדע זיינען אַריינגעפאַלן אין אַ גרוב. דער גביר האָט פּרובירט זיך אויפהויבן, נאָר ס׳איז אים אָנגעקומען שווער. אַז דער רב האָט זיך גענומען ריירן, האָט דער גביר צו אים געזאָגט:

„רבי, ליגט נאָך, הויבט זיך נישט אויף“.

„וואָס איז דער שכל פון ליגן?“ האָט דער רב געפרעגט.

„אַז איר וועט אויך ליגן, וועט זיין תורה וגדולה במקום אחד“.

„אַקעגן וואָס זאָגט איר דאָס, ר׳ זיסקינד?“ האָט אַבעלע שייגעץ אים געפרעגט.

„יאָ, איך זאָג דאָס אַקעגן דעם, אַז ס׳וואָלט נישט געשאַדט, אַז מען זאָל זיי ביידן נעמען צו מיליטער, וועט זיין תורה וגדולה במקום אחד“, האָט זיסקינד געזאָגט און שעלמיש צוגעלייגט: „כ׳האָף נאָר, אַז שלמה זאָל דעם דאָקטאָר נישט אַ ביס טון און אַזוי אַרום באַפרייט ווערן ווי אַ משוגענער“. אַבעלע שייגעץ האָט אים אָפּגעמאָסטן פון אויבן אַראָפּ און פון אונטן אַרויף. ער האָט מיט זיינע בייזע אויגן אים דורכגעשטאָכן ווי מיט שפּיזן: „האַ, וואָס זאָגט איר יידן אויף אַזאַ פּושע ישראל? . . .

אַ וואָרט פאַר אַ וואָרט, מען האָט זיך געקריגט, געשריגן, געליאַרעמט. די רעקרוטן פון די אַרומיקע דערפער, האַלב־שיכורע גויים, האָבן געזען ווי די יידן מאַכן מיט די הענט און שאָקלען מיט די באַבערדלטע קעפּ, שפּרינגענדיק איינס דאָס אַנדערע אין פּנים אַריין, האָבן די יונגע פּויערים זיך אָנגעהויבן שטופּן ביז ס׳האָט זיך אָנגעהויבן אַ געשלעג.

אין דער סומאַטאָכע האָט שלמה פּילאָזאָף איינגעפּאַקט די גאָר נויטיקע זאַכן, און איז אַוועק פונם שטעטל, בשעת פּאָליציי האָבן געפירט יידישע יונגעלייט צו נעכטיקן אין דער קאָזע, צוליב מורא, אַז זיי וועלן זיך נישט צושטעלן. די בהלה האָט שלמה אויסגענוצט און געמאַכט אַ ויברח.

איטשעלע האָלצהענדלער האָט זיך געדרייט אַרום די רעדלעך יידן, אומשולדיק געפּיפּקעט זיין לולקע־ציבעק און ביי זיך הנאהדיק געטראַכט: זיין זון שלמה וועט שוין אין ערגעץ נישט פאַרפאַלן ווערן.

* * *

די מלחמה פון 1914 האָט געבראַכט אַ סך ענדערונגען אין שטעטל. די וועלכע זיינען געווען רייך זיינען פאַראָרעמט געוואָרן, אַנדערע זיינען אויפגעקומען. ר׳ איטשעלע האָלצהענדלער איז געוואָרן אַ יורד. ס׳האָט זיך אים תמיד געדאַכט, אַז אַלע ווייסן, אַז ער איז געבראָכן און ער קען קוים־קוים אויסקומען מיט דעם ביסעלע פּרנסה פאַרן ווייב מיט זיינע צוויי טעכטער. ער האָט אָבער געמוזט זיין פאַרזיכטיק וועגן זיין אָרעמקייט. ס׳קען שאַטן צו אַ שידוך. און די צוויי מיידלעך זיינען ראוי לחופּה. ער האָט אָבער צוליב דעם זער אָפט געמוזט טון אַ שמייכל. אָבער דער שמייכל איז שוין נישט דער וואָס אַמאָל, ווען ער פלעגט זיצן אין שטיבל אונדרויכערנדיין ליולקע און מיט איין אייגל קוקן אויפן עולם אַרום. וואָס איז דער שכל צו וועלן באַהאַלטן דאָס אָרעמקייט, האָט ער ביי זיך געטראַכט, אַז אַרעמקייט קען מען באין אופן נישט באַהאַלטן. און צום

משוגענעם בער, דעם שמש פונם שטיבל, דווקא אַ זאָג טון: איך בין אָרעם איצט, כ׳פאַרמאָג גאָר נישט, לאָז מיך צופרידן.

אַזוי זיינען אָפּגעלאָפן חדשים מיט יאָרן. ביז איינמאָל, גאָר אומגעריכט, האָט ר׳איטשעלע דערהאַלטן אַ בריוו מיט געלט פון זיין זון, וועלכער פאַרלאַנגט, אַז זיי זאָלן אַלץ פאַרקויפן און קומען צו אים קיין לאָנדאָן. די שוועסטער מיט די שוואָגערס און זייערע קינדערלעך, האָט שלמה אינם בריוו צוגעשריבן, וועט ער זען שפּעטער אַריבערצונעמען.

ר׳ איטשעלע, קראַנק און צובראָכן, האָט מיט טרערן אין די אויגן, וועלכע האָבן כמעט ווי פאַרלוירן דעם חוש הראיה, געזאָגט צו זיין ווייב ביינע: „זעסטו, אַז ס׳איז דאַמאָלט געווען אַ נס מן השמים, וואָס שלמה איז אַנטלאָפן״. און אַלעמאָל, ווען זיי האָבן דערהאַלטן בריוו מיט געלט, דערמאָנענדיק זיי וועגן זייער קומען קיין לאָנדאָן, האָבן די אַלטע לייט גערעדט וועגן דעם נס און זיך צעוויינט.

די צייט איז זיך געגאַנגען איר וועג. און קיין געלעגנהייט צו פאַרקויפן אַלץ, האָט עפּעס זיך נישט געמאַכט. שווער געווען צו שיידן זיך פון אַ דורות־לאַנג איינגעוואָרצלט לעבן. אַלץ אָפּגעלייגט אויף שפּעטער. ביז איינמאָל אין אַ מיטוואָך, דעם 6־טן סעפּטעמבער 1939, זיינען די דייטשן אַריין אין שטעטל.

כאָטש שלמה האָט די גאַנצע צייט פון דער מלחמה גאַנץ גוט פאַרשטאַנען און געפילט, אַז די רוצחים, די דייטשן, האָבן זיך מיט זיין טאַטן, ר׳ איטשעלע האַלצהענדלער און זיין מאַמען ביינע נישט געמאַכט קיין צערעמאָניעס און דאָס וואָס ס׳איז געשען מיט אַלע יידן אין שטעטל איז מיט זיי געשען, האָט ער דאָך נישט אויפגעהערט צו האָפן, אַז ער וועט זיך נאָך דערוויסן וואָס מיט זיין פאַמיליע איז פאָרגעקומען.

לעבן זיי נאָך? — האָט תמיד געעגבערט זיין מוח. ער האָט באַין אופן זיך נישט צוגעלאָזט דעם געדאַנק, אַז אַלץ איז אויס.

ערשט אינם זומער 1945 האָט ער זיך דערוווסט פון דעם גרויסן חורבן, וואָס איז פאָרגעקומען אינם שטעטל, מיט זיינע עלטערן, שוועסטער, שוואָגערס מיט זייערע קליינע קינדער. ער איז געווען אין גרויס פאַרלעגנהייט וועגן קדיש זאָגן. ער האָט אַ־געפרעגט ביים רב פון דער שול אין וועלכער ער איז אַ „מעמבער״. אָבער נישט קענענדיק געניי באַשטימען די צייט פון יציאת נשמה זייערע, האָט דער רב אים געזאָגט, אַז די בעסטע זאַך איז צו האַלטן די יאָרצייט נאָך די קדושים שבת־תשובה.

ווען ס׳איז געקומען צו זיין קדיש זאָגן, האָט שלמה ביי די ערשטע ווערטער פון „יתגדל ויתקדש״ פּלוצלינג דערזען זיין מוטער ליגן אַ צעשאָסענע אין גאַס, טוליענדיק צו זיך דאָס יונגסטע טויטע איניקל, ס׳האָט זיך אים אין דער רגע אויסגעדאַכט, אַז אירע ליפּן באַוועגן זיך און בעטן ביי אים, אַז ער זאָל זיי נישט פאַרגעסן.

אַ מוראַדיק קול האָט פּלוצלינג פון זיין האַרץ זיך אַרויסגעריסן: „מאַמע! אוי, מאַ!״... דער אוי איז געבליבן הענגען אין די ווינקלען פון דער שול.



דער אונטער־שמש, אַ דייטשער ייד, וועלכער האָט על פּי נס זיך געראַטעוועט פונם היטלער־גיהנום, איז מיט כעס אונטערגעשפּרונגען, און הויך אַ זאָג געטון: „יאַ, זי האַבן קאַליע געמאַכט דעם קדיש״.

אַ פאַרשעמטער, מיט טרערן אין די אויגן איז שלמה שטיין געבליבן. ס׳האָט זיך אים געדאַכט, אַז אַלע אין שול קוקן אויף אים מיט אַ חוזק שמייכל, ווי דעמלט בשעת ער פלעגט אָפּטון זיין ווילדן־שטיק מיט אַ פרישן בחור אין שטובל. איז מעגלעך, האָט ער ביי זיך געטראַכט, אַז מענטשן זאָלן קענען שמייכלען, בשעת זיין האַרץ קאָרטשעט זיך אין ווייען פאַר אַ מוטער, פאָטער, שוועסטער און קליינע קינדער, וועלכע זיינען אויף אַזאַ אכזריותדיקן אופן אומגעקומען.

אַ נישט ניחאדיק געפיל האָט זיך אַריינגעריסן אין זיין האַרץ. כאָטש זיינע ווייטערדיקע קדישים האָט ער געזאָגט בלחש, שטיל, וואָרט פאַר וואָרט מיטן חזן, אין זיין דמיון אָבער האָבן כסדר זיך געוויגט די ווערטער, טייטלדיק אויף אים, ווי מיט אַ צעביסענעם פינגער: יאַ, זי האַבן קאַליע געמאַכט דעם קדיש.

---

## שמואל וווהייט

### הערבסט

אויסגעבלאָזן האָט ווינט די ערשטע
אויפציטערנדע תקיעה־שאַלן
זענען דאַר ברוינלעך־רויטע בלעטער
מיט גערויש צו דער ערד געפאַלן.

מיט שברים און מיט תרועה־טענער
פייפט דער ווינט און צוברעכט די
צווייגן
עס איז די צייט פון פוילן־דאַרבן
פאַרשטומען פייגל אין טויטן־שווייגן.

דער הימל האָט אַ גראָען מאַנטל
אויף זיין העלקייט אַרויפגעצויגן
שטייען נאַקעט טרויריקע פעלדער
בענקן פון זומער וואָס איז פאַרפלויגן.

קראָען בלויז מיט טרויריקער
שוואַרצקייט
טראָגן זיך פון אַלע זייטן אָן
קראָען אַ קדיש נאָך דעם זומער
מיט אַ פאַר׳יתום׳טן שברים־טאָן.

## העדי פערעסטער

### קדיש

יינגעלע פאַרוואָס קלאָגסט דו,
וואָס איז דען דיין געוויין?
— איך האָב פאַרלוירן טאַטע מאַמען,
בין געבליבן עלנט ווי אַ שטיין.

מ׳האָט געריבט, דערהרגעט,
געפלינדערט,
אונזער הייזלע פאַרברענט.
אין אַ לאָך האָב איך מיך באַהאַלטן,
און ווו נאָר כ׳האָב געקענט.

יינגעלע, וואָס זוכסט דו
ווייסט דו ניט מער ווו דו ביזט?
קיין מענטש וועט דיר גאָרנישט געבן,
דיין גאַנג איז גאַנץ אומזיסט.

— גאָטעניו, דערהער מיין בעטן,
ביים לעבן מיך דערהאַלט,
איך מוז נאָך קדיש זאָגן,
גאָטעניו, אוי וויי געוואַלט.

## משה דאָמב

# סטאַמפאָרד היל

ס׳ווייעט דאָ אַ באַרגישע לופט, מיט אַ ריח פון וואַסער, און פריש צעשניטענע העלצער, וואָס ווערט צעשניטן אונטן אין טאָל, ביים פליסענדן טייך לי. אַ הויכער דאַרער ענגלענדער, מיטן נאָמען סטאַמפאָרד, האָט דאָ געהאַט אַ קי־ און שעפסן־צוכט, האָבן זיך טאַקע געפּאַשעט דאָ אויפן באַרק קי און שעפסן, און ס׳איז געווען רואיק שטיל, ווי אין אַ דאָרף, און פון ביידע זייטן באַרג איז געווען שטאָט, סטאָוק ניואינגטאָן און טאָטענהאַם, ווי צוויי אָפּגעהאַקטע אַרטעריעס. אין סטאָוק ניואינגטאָן, קלויסטער גאַס, האָבן טאַקע געוווינט צוויי באַרימטע ענגלישע שרייבער, דער מחבר פון „ראָבינסאָן קרוזע״ דעפאָי, און דער באַרימטער פּאָעט עדגאַר אַלאַן פּאָ. און אפשר האָט דאָס בערגל סטאַמפאָרד היל זיי אינספּירירט, מיט גרינקייט פון קאַשטאַן בוימער אַלטן פּאַרק, מיט טויזנט־יעריקע בוימער, און פעלדער,לאָנקעס, מיטן פליסנדיקן טייך.

אָבער זינט ס׳האָבן זיך אויפגעבויט צוויי קינאָ געביידעס, מיט הייזער, געשעפטן, האָבן זיך דאָ גלייך מאַסנווייז אַהערגעצויגן ווייטשעפּלער יידן, און סטאַמפאָרד היל האָט זיך אַנטוויקלט מיט אַ ריזיקן טעמפּאָ, מיט גרויסע געשעפטן, קאַפעען, שולן, חדרים, אַ תלמוד תורה, און פון דאָרפישן בערגל איז געוואָרן אַ שטאָט, מיט בלויע און רויטע ליכט נעאָנען. און דאָ און דאָרט זיינען נאָך געבליבן גרינע פלאַכע לאָנקעס, אָבער ס׳זיינען שוין נישט געווען קיין קי־שעפסן־הינער, נאָר ס׳האָבן זיך געבויט ריזיקע רעגירונגס געביידעס. אָבער אונטן אין טאָל, צווישן די וואַסערן אין פּאַרק זיינען געבליבן ריזיקע שטחים, און צווישן די גרינקייט און וואַסערן שלענגלט זיך די שטאָט־באַן, און מיט איר סאַפּיען־כאַפּיען, אין טיק־טאַק געערויש, אויסגעמישט מיטן קוימען־רויך, דאַכט זיך פון ווייטן, ווי די באַן וואָלט שרייען: „וואָס מיר גרינס־שמינס, וואַסערן, פּאַרקן, איך הערש און שנייד דאָ דעם וועג״...

האָט זיך טאַקע דאָ, פון גרינקייט, אין דאָרפישן באַרג, אויסגעשניטן אַ וויכטיקער שטאָט־טייל פון גרויסן לאָנדאָן, מיט זער פיל יידן, פאַבריקאַנטן, סוחרים, בעלי מלאכות און סתם אַרבעטער. און מסתם צוליב דעם שטראָמיקן טייך און דאָרפישן טאָל פון סטאַמפאָרד היל, האָבן זיך דאָ אַהערגעצויגן אַ סך פרומע יידן...

צוליב דעם האָבן מיר דאָ די שבת־יום־טובדיקע שטימונג. ערב־שבת פאַרנאַכט זעט מען דורך די פענסטער ווייבער ליכט־בענטשן, און עס לויפן ווייבער אין שול אַריין. אין די ימים־נוראים טעג, איבערהויפּט ראש השנה ווען זיי גייען צו תשליך, מיט ווייסע קופּקעס, לאַנגע, שוואַרצע עלטער־באָבעס בגדים, באַדעקט מיט לאַנג טראַלדיקע מאַמע־רחל שאַלן, אין שוואַרצע ביבלישע שטעקלעטשלעך, און זייערע טריט זיינען שטילע, און די קעפּ טרויעריק אַראָפּגעלאָזטע, מיט בענקשאַפט צו די הימלען, מיט ווייבער תפילות אין זייערע פאַרטריקנטע מיילער. און מען זעט הויכע שלאַנקע יידן, מיט ברייטע, גרויסע סויבעלנע שטריימלעך אויף זייערע באַהאָרטע קעפּ, אין גלאַנציקע זיידענע קאַפּאָ־



טעס, שניי־ווייסע אַרויפגעצויגענע זאָקן אויף די שלאַנקע פיס, ווייסע, נישט געפּרעסטע העמדער קעלנער, אָן שניפּסן, און לייכטע שוואַרצע לעדערנע שטעקשיך.

און ווען כ׳גיי פאַרביי די תלמוד תורה, וואָס איז נעבן אַ רביש בית־המדרש, שטייען רעדלעך מיט יידן, שוין נאָך מנחה־מעריב, און מע חקרנט זיך. און ווען כ׳פרעג וואָס דאָס חקרנען איז, גלעטן זיי זיך ביי די בערד און בלייבן שטיל. און אַ הויכער דאַרער ייד, מיט אַ בלאַס פאַפירן פנים, מיט גרויסע שוואַרצע וויינטרויבן־אויגן, קוקט מיך אָן דערשראָקן, מיט אַ טיפן זיפץ: „יאָ, יאָ״... און אין דער זעלבער צייט שטייען די פרייע יידן ביי די קאַפעען, אויפן סטאַמפאָרד בערגל, און מ׳אַמפערט זיך, וועלכער הונט אָדער פערד וועט קומען דער ערשטער אויף די געיעגן, און יעדער שעפּטשעט ווי צו זיך: „אוי הלואי קומט דער שוואַרצער הונט מיטן ווייסן פּיסק דער ערשטער״...

און צווישן זיי אַלע לויפט אַדורך, ווי אַ שאָטן, עליע שניידער, אָדער ווי מען רופט אים אין שפּאַס „דער שעקספּיר פון סטאַמפאָרד היל״. ער איז שלאַנק, הויך, מיט לאַנגע צעוויאַנעטע געל־גרויע האָר אויף זיין דאַרן קאָפּ, אין האַנט שטענדיק אַ לאַנגען שוואַרצן שירעם, און ער שאַרט דעם שירעם שטענדיק פאָרויס, ווי דער שירעם וואָלט געווען זיין וועג־ווייזער. ער קוקט נישט אויף קיינעם, און רעדט נישט מיט קיינעם, ער שפּרייזט שטענדיק פאָרויס, ווי עפּעס אַ משולח געשיקט פון אַנדערע וועלטן. און אין אַ ווינקל ביים קינאָ זיצט די אַלטע און פאַרקויפט רבי־ניסלעך, אירע בגדים זיינען נאָך ווי אַמאָל אין רוסלאַנד די פרומע יידן האָבן זיך געקליידט. צוליב דעם גאַפּיען און שטוינען אַלע דורכגייער. די רביצין פון סטאַמפאָרד היל ברענגט איר אָפּט וואַרעמע טיי, און טרייסט זי מיט עולם הבא.

אין דער טיפער נאַכט וואַנדערן נעגערס מיט זייערע בלאָנדע מיידלעך, זייערע אויגן פינקלען ווילד, און ווינקען, לאַכן מיט ווייס־פערלדיקע ציינער, און די ווייס־הויטיקע גנבים, אויסוורפן, קוקן און דריקן, שפּייען און שעלטן, און שטייען ביי דער גאַנצער־נאַכט־אָפענער קאַפע, און זופן טיי, צווישן אַ געדיכטן טומאַן ציגאַרעטן־רויך און גראַמאָפאָן־מוזיק. און ווען ס׳לאָזט זיך, מאַכט מען „אַ נאַכט פון לאַנגען מעסער״, מ׳שלאָגט זיך מיט די שוואַרצע מענטשן, מ׳לאַרעמט און מ׳שרייט, די בלאָנדע מיידלעך קוויטשן און וויינען, און האַלטן אין האַנט די נעגערס ברייטע שוואַרצע הוטן. און דער עכאָ פון די געשלעגן הילכט טיף אָפּ איבער דעם באַרג, און אין טאָל ביים טייך, וווּ ס׳האָבן זיך רואיק געפּאַשעט בייטאָג פערד, קי, שעפסן, אַמאָל, אַמאָל, ווען סטאַמפאָרד היל איז געווען אַ דאָרף מיט גרינע לאָנקעס, פעלדער און היימישע חיות־צוכטן.

---

## מזל טוב!

מיר ווינטשן אַ האַרציקן מזל טוב צו דער חתונה פון אונזערע פריינט מלך יצחק און בלומע גאָרדאָן. זאָל זייער צוזאַמענלעבן זיין פול מיט פרייד.

פריינט פון יידיש לשון.

---

## פייגעלע אינפעלד־טאָפּף

# צו מיין מיידעלע

שלאָף מיין קליינע מיידעלע, מיידעלע דו קליינס,
ווי יעדער מאַמען דאַכט זיך מיר — נישטאָ נאָך אַזאַ איינס.
ס׳זיינען אָבער קינדערלעך אַזעלכע פיל געווען,
וואָס האָבן אונזער גרויסע וועלט אַנדערש גאָר געזען.
נישט אין הינט און קעצעלעך,
אין ליאַלקעס און אין קלעצעלעך,
נישט אין שטיקער שאָקאָלאַד
און נישט אין שפּילזאַכן אַ סך.
ניין, מיין טייער קינד
ווייַ, אָ ווייַ און ווינד.

איך האָב געקענט קינדערלעך, אַלט ווי דו געווען,
וואָס האָבן נאָך קיין אייעלע מיט אייגעלעך געזען.
זיי האָבן אָבער שוין געזען טויטע אין די גאַסן
און דייטשן ווי זיי פּייניקן יידישע מאַסן.
ס׳האָבן קינדער נישט געלאַכט,
שטיל און טרויעריק געזעסן,
נישט געוויינט, נאָר זיך געבעטן
אַ שטיקל ברויט צו עסן.
שלאָף מיין טייער קינד
ווייַ, אָ ווייַ און ווינד.

זיי האָבן נישט געוויינט ווי דו: אַ נייע שפּילזאַך כ׳וויל!
נאָר אויסגעשטרעקט די הענטעלעך און זיך געבעטן שטיל:
לאָזט נישט, אַז די שלעכטע דייטשן זאָלן אונז צונעמען,
מיר ווילן אייביק, אייביק זיין מיט אייך צוזאַמען.
און דער טאַטע, און די מאַמע
מיט ליבע האָבן ס׳קינד געגלעט
צוגעזאָגט, גאָט געבעטן,
מיט טרערן נאָס געמאַכט דאָס בעט.
שלאָף מיין טייער קינד
ווייַ, אָ ווייַ און ווינד.

וואָס עס איז געשען מיט זיי — בעסער ניט ריידן,
ווי עס האָבן מערדער זיי געפּאַקט אין קאַלך אייוון.
ס׳האָבן בידנע שעפעלעך אין פייער זיך געברענט
מיטן טאַטן און דער מאַמען האַלטנדיק די הענט.



ווי עס האָבן עלטערן
געזען ווי זייער קינדל־קרוין
אַ דייטש האַלט ביי די פיסעלעך
צום טויט צעשמעטערט ביי אַ בוים.
שלאָף מיין טייער קינד
ווייַ, אָ ווייַ און ווינד.

שלאָף מיין טייער מיידעלע, שלאָף מיין קינד אין רו,
דאָס איז פאַר דיר קיין מעשהלע, דו ביזט צו יונג דערצו.
ס׳צווייפלען דאָך אפילו גרויסע צי דאָס איז געשען —
ס׳קענען גלייבן מענטשן נאָר, וואָס האָבן דאָס געזען.
טאָ, מאָרגן זאָלסטו ווידער
זיך שפּילן מיט די קלעצעלעך,
מיטן פערד, מיט דער ליאַלקע,
מיט הינטעלעך און קעצעלעך.
שלאָף מיין טייער קינד
ווייַ, אָ ווייַ און ווינד.

## עללא זילבערג

### פארוואגלט

פאַר וועמען זאָל איך ריידן,
פאַר וועמען זאָל איך וויינען,
ווער וועט מיך דען צוהערן,
ווער וועט מיך דען פאַרשטיין?

די פריינט פון מיינע קרייזן
פאַרשטייען נישט מיין לשון,
איך קען מיט זיי נאָר לאַכן,
מיין לייד מוז זיין פאַרשלאָסן.

דאָס האַרץ איז פול מיט ווייטאָג,
די אויגן שוואַך פון טרערן,
פאַרוואָגלט פון מיין שטעטל,
איך טו קיינעם נישט געהערן.

אַליין, ווי אויסגעריסן
אַ וואָרצל פון די בייטן,
לעב איך דאָ פאַראיינזאַמט
צווישן פרעמדע לייטן.

אום שבת ווי אום יום טוב
איך מאַך פאַר זיך מיין סעודה,
מיט וועמען זאָל איך טיילן,
קיין שוועסטער נישט קיין ברודער.

אַזוי פאַרגייט מיין לעבן
אין עלנטקייט און טרויער
און אַזוי וועל איך אָפּשטאַרבן
פון קיינעם נישט באַדויערט.

אויגוסט 1955.

**הערי גארדאן** און **פרוי** ווינטשט זיין ברודער **מלך יצחק גארדאן** אַ האַרציקן מזל טוב צו זיין חתונה מיט **בלומען** און ווינטשן זיי אַ כתיבה וחתימה טובה.

א. מייזעלס

# מנחם מענדל אין לאנדאן צו זיין שיינע שיינדל אין תל אביב

ראשית קום איך דיר צו מעלדן פון מיין ליבן געזונט, גיב גאָט דאָס נעמלעכע פון דיר, די קינדערלעך און דיין ליבע מאַמע צו הערן, אמן.

והשנית זיי וויסן, אַז איך האָב געשלאָגן כפּרות מיט אַמעריקע און האָב מיך געלאָזט צוריק אַהיים. נאָר אַזוי ווי די הוצאות האָבן ניט דערגרייכט ביז קיין תל אביב, מחמת די שיפן שינדן ממש אָפּ די הויט, האָב איך זיך אָפּגעשטעלט אין לאָנדאָן און איך בין בטוח, אַז איך האָב דאָס מאָל געמאַכט אַ גוטן בייט. קודם כל בין איך דאָ אַ נייער מענטש און ווי זאָגט דיין מאַמע זאָל לעבן, „יעדער נייער בעזעם קערט שיין" און ווי עס ווייזט אויס, בין איך אַריין מיטן רעכטן פוס . . .

וועסט דיך אוודאי חידושן וואָס איך בין אַזוי הענדום פּענדום אַוועק פון אַמעריקאַ? וועל איך דיר שרייבן די סיבה. אַזוי באַלד איך בין אָנגעקומען קיין אַמעריקאַ, האָב איך דאָס ערשטע גענומען זוכן דעם פּעטער טוביה. נו, גיי זוך אַ נאָדל אין אַ וואָגן היי! ווען איך האָב אָפּגעשטעלט און אַ פרעג געטאָן צי האָט איר ניט געהערט אָדער געזען אַ ייד וואָס רופט זיך מיט זיין כשרן נאָמען טביה, טביה דער מילכיקער? מיינסטו דאָך, זוגתי היקרה, אַז מען האָט מיר געענטפערט, האָסטו אַ טעות. ווי זאָגט דיין מאַמע זאָל לעבן, „רעד מיר צום לאָמפּ". אַזוי האָב איך זיך אַרומגעוואָגעלט אין די גאַסן, ביז אַרום מנחה צייט.

אָבער פלוצים האָט מיר גאָט צוגעשיקט די ישועה גאָר אומגערעכט. גייענדיק פאַרביי אַ גרויס הויז, רופט זיך צו מיר אָן אַ ייד: „מיסטער לעבן, איר ווילט אפשר זיין דער צענטער צו נאַ מנין?" אָך, זאָג איך בכבוד גדול, ווי זאָגט די שוויגער: מנחה איז טאַקע ניט קיין ציג, זי וועט ניט אַנטלויפן, אָבער דאַוונען דאַרף מען. הקיצור איך בין מיט דעם ייד אַריין אין שטוב, זיך געוואַשן די הענט און טאַקע אַליין געווען דער בעל תפילה. איך האָב זיי געגעבן אַ לייג אַנידער אַ מנחה ומעריב, טאַקע נאָר ווי מנחם מענדל קען.

נאָכן דאַוונען, האָט מען געגעבן אַביסל משקה און מען האָט זיך צורעדט, צושמועסט. שטעלט זיך אַרויס, אַז אַ שוואָגערס אַ ברודערס אַ זון פון דעם ייד דעם בעל־היאָרצייט איז גוט באַקאַנט מיטן פעטער טוביה און מאָלט מיר אָפּ דעם פעטער טוביה מיט אַלע פּיפּטשיקלעך אָבער אַנדערש געשלייערט. דהיינו פרעגסטו? פרעג בעסער ניט, הלוואי וואָלט איך אים בעסער ניט באַגעגנט, נאָר ווי זאָגט די מאַמע, — אַז ס'איז באַשערט אַ צרה קריכט זי דורכן קוימען.

הקיצור, איך האָב שוין קוים דערלעבט עס זאָל טאָג ווערן. נעם די „סאָבווייי" און פאָר זיך גלייך צו צום פעטער טוביה. מילא, קודם כל מוז איך דיר זאָגן, אַז ער האָט זיך אַרויסגעקליבן פון דער יידישער גאַס און וווינט זיך צווישן די אמתע אַמעריקאַנער, בראָדוויי רופט זיך דאָס. קום צו צום הויז, שטייט אַ



שוואַרצער פאַרשוין מיט גאָלדענע קנעפּ. טו איך אים אַ פרעג: זאָג מיר נאָר דו קנעפּל בן קנעפּל, צי געפינט זיך ניט אַמאָל דאָ איינער מיטן נאָמען טוביה דער מילכיקער? קוקט ער אַריין אין אַ ספר פראַלניק און זאָגט: — יעס, דאָ וווינט „טוביה דהי דיירי מען", און נעמט מיך אַריין אין נח'ס תיבה און טוט זיך מיט מיר אַ הויב אויף ביז צום צענטן שטאָק און ווייזט מיר אָן די טיר.

בלייב איך שטיין און טראַכט זיך, אָט דאָ טוביה האָסטו דיך אַריינגעכאַפּט? ממש טאַקע אין די הויכע פענסטער. איי, זאָג איך, ווי זאָגט דיין מאַמע, אַז גאָט גיט אַביסל, גיבן לייט אַ פולע שיסל. נו, זאָג איך צו זיך אַליין, מנחם מענדל, גענוג געטראַכט, טו אַ קוועטש די קליאַמקע און גיי אַריין. געזאָגט און געטאָן. קוועטש היינט, קוועטש מאָרגן, די אַמעריקאַנער קליאַמקעס האָבן פיינט, אַז מען קוועטשט זיי. הקיצור, גאָט האָט מיר געהאָלפן און איך שטיי אויג אויף אויג מיטן פעטער טוביה... זוגתי היקרה, ווען כ'האָב אַ טבע פון חלשות, חלוש איך צען מאָל . . . וויי איז מיר, זאָג איך, הזאת נעמי? דאָס איז געוואָרן פון אונדזער האַרציקן, ליבן טוביה? דאָס הייסט, געזאָגט האָב איך אים ניט, איך האָב זיך דאָס בלויז ביי זיך געטראַכט און שטרעק אויס מיין האַנד און טו אַ זאָג: שלום עליכם ר' טוביה! דערלאַנגט ער מיר אַ שפּיץ פינגער און ענטפערט: „האַו דו יו דו!" . . .

וואָס זאָל איך דיר פיל ברייען, איך בין אַביסל צו זיך געקומען און האָב אים גענומען אין דער אַרבעט אַריין. סטייטש אַהער און סטייטש אַהין. מילא, זאָג איך, איז ניט מאַמע לשון, ס'איז היינט משטיינס געזאָגט אַזאַ וועלט, אָבער אויף וואָס האָסטו מיר אויסגעביטן דיין יידישן קרעכץ? וואָס איז געוואָרן פון דיינס אַ פּסוק? פון דיינס אַ גמרא? אוי, טוביה, דו אויך? אויף ווען קאָנען מיר זיך שוין פאַרלאָזן? גוט אַריין געזאָגט, האַ? צום סוף, ווייס איך וואָס, ווען... הויבט ער מיר אָן צו ריידן „פּדרוך", רעדט און רעדט און איך הויב אים ניט אָן צו פאַרשטיין, פאַרקערט, ער האָט גאָר צו מיר טענות, ניט מער און ניט ווייניקער זאָגט ער מיר: „היער איז נאָט ראשיא דעט יו ברינג טוגעדער אַ וואָל טו אַ וואָל ענד איט לעט אויט אַ לאָפּט, איט איז אַמעריקאַ . . . (דאָ איז ניט רוסלאַנד וואָס דו ברענגסט צענויף אַ וואַנד מיט אַ וואַנד און עס לאָזט זיך אויס אַ בוידעם). יו קאַנאָט ליעד די סמאָל טאַון פיסעס היער . . . (קאָנסט דאָ ניט פירן קליין שטעטלדיקע שטיקלעך).

הקיצור, איך האָב געזען, אַז עס איז אַרויסגעוואָרפענע רייד, האָב איך זיך אויסגעדרייט בואי בשלום און זיך געלאָזט צו דער טיר. פלוצים, האָסטו ניט מאָסטו ניט, איז מיר דער פעטער טוביה אַרויף אויפן האַלדז, ווי אין די גוטע יאָרן און שיסט אויס אַ געוויין. וואָסזשע, מנחם מענדל, זאָגט ער. צו מיינסטו, אַז מיר איז שמחת תורהדיק אויפן האַרץ, אַז אויף די עלטערע יאָרן מוז איך צובעטשען אַ לשון וואָס מיינע אבות אבותינו האָבן ניט געקענט? און היינט, אַז איך וויל זיך טאָן אַ רעד דורך מיטן פאָטער אין הימל, אַזוי יידיש, היימישלעך, וואָסזשע זאָל איך אים זאָגן? האַו דו יו דו? אָך, טי באַזשע מוי, אַז איך בין פאַרוואָרפן געוואָרן מעבר לים, בין אָפּגעשניטן פון דער אַמאָליקער אַלטער

היים און ווו זיינען די אַלע גוטע פריינט ? איינער אין ליסי, דער צווייטער אין סטריסי און וווּ די איבעריקע זיינען ווייסטו דאָך גלייך מיט מיר. ניין, מנחם מענדל, נישטאָ היינט ווער עס זאָל פאַרשטיין טוביה׳ן. טוביה׳ס אַ פסוק איז היינט ניט קיין אָנגעלייגטע סחורה, טוביה׳ס אַ גלייך ווערטל איז היינט ניט קיין מציאה. איי גאָלדע סערדצע האָסטו געטאָן קלוג, וואָס ביזט באַצייטנס געגאַנגען ווו יעדער לעבעדיקער מוז גיין. עס איז אַן איבערגעקערטע וועלט. זיי ווייסן ניט דעם טעם פון מיינעם אַ פסוק אָדער גמרא פונקט ווי זיי ווייסן ניט דעם טעם פון דיינעם אַ מילכיקן באָרשט מיט בלינצעס. איינס ווייסן זיי אַ מעשה מיט „אַטאָם", די היגע עמי הארצים מיינען, אַז דער אַטאָם איז עפּעס אַ נייעס. דער הייליקער מחזור אין ראש השנהדיקן דאַוונען האָט דאָס שוין לאַנג געוווסט. ער זאָגט דאָרט בפירוש „התם ומתמם עם תמימים".

הקיצור, מיר האָבן זיך געוואַשן און עפּעס טועם געווען. ער האָט מיר צוגעזאָגט דיר צו שיקן פּעקלעך קיין תל אביב און נאָך אַמאָל לחיים און אָבער לחיים און צום סוף זאָגט ער מיר: מנחם מענדל, לאָמיך נאָר מאַכן די אמתע פאָר טאָלער איז גלייך קיין ישראל. דו געדענקסט, זאָגט ער, מיין פריינט פאַניע שלום עליכם וואָס איך פלעג מיר פאַר אים דאָס האַרץ אָפּריידן. אוי האָט ער געוואָלט, אַז איך זאָל פאָרן קיין ארץ ישראל. ער האָט שוין אַפילו אַ האַלבער וועלט באַקאַנט געמאַכט, אַז טוביה פאָרט קיין ארץ ישראל, אָבער די פּאָגראָמען, דעם צער גידול בנים פון מיינע טעכטער, אָט דאָס האָט מיך צוריקגעהאַלטן, אָבער איצט איז ביי מיר אין האַרצן פעסט „לך לך מארצך". גיי אין דיין אייגן לאַנד . . .

איצט, זוגתי היקרה, ווילסטו דאָך אוודאי וויסן וואָס איך טו אין לאָנדאָן ? קאָן איך דיר מיטטיילן, אַז לכתחילה האָב איך געוואָלט זיך טאָן אַ נעם צום היגן יידישן טעאַטער, ווייל אויב דו געדענקסט, האָב איך אַמאָל דער חברה אַקטיאָרן פאַרקויפט אברהם גאָלדפאַדענס „צענטע געבאָט" און ברוך השם נישקשהדיק פאַרדינט, אָבער אַזוי ווי דער טעאַטער איז איצט פאַרמאַכט, בין איך געוואָרן דערווייל אַ מיניסטער אין אַ „אַמאַלגעמייטעד" סינאַגאָג. עס גייט דאָך עפּעס צו די פּאָרכטיקע טעג, איז אַ סינאַגאָג היינט דער בעסטער מסחר אין לאָנדאָן, ס׳איז „האָס" אין די שולן.

לעת עתה קאָן איך דיר נאָך קיין שום געלד ניט שיקן, אָבער אי״ה נאָך ימים טובים וועט זיין ווי מען זאָגט דאָ אָלרייט. כ׳האָב נאָר די איינע זאָרג ווי אַזוי איך וועל קאָנען דאָס געלד פון דאַנען אַרויספירן, ווייל מער ווי הונדערט פונט טאָר מען ניט אַרויספירן.

איך גריס אייך אַלעמען און באַזונדערס די שוויגער זאָל לעבן און זאָלן מיר זיך אַלע אויסבעטן אַ גוט מזלדיק יאָר פאַר אונדז, פאַר ישראל און כלל ישראל.

בעלך מנחם מענדל.

עיקר שכחתי: גיב איבער אַ גרוס צום תימנער שכן ידידיה און זאָג אים, אַז איך רעכן זיך צו באַגעגענען מיט ראָטשילד׳ן — דאַן וועל איך אים אויך אין זינען האָבן.

הנ״ל.



## א. נ. שטענצל

# אין אַ דערפל אין סאָמערסעט

די אידיליע צו אונזער צוריקקער פאַר 300 יאָר קיין ענגלאַנד

1

אַ שייער, אַ קו־שטאַל, אַ היי־בוידעם,
אַ כאַטע מיט אַ באַדעקטן שטרוי־דאַך,
פאַרחברט מיט אַ קאַלב, מיט אַ לאָשיק,
מיט אַ הונט קודלאַטע קאָלעגע פער פאַך;

ענטפערן אַ פערד אויף זיין געהירזשע,
אַ קלאַפּ אויף רוקן און ווערן אויף דו;
מיט פאַרטיפטן שכל מיך צוהערן,
צו לאַנג געצויגענעם קואישן מו.

יאָ, מיט גרויס כבוד גדול צוקוקן,
ווי זיינע הינער עס פירט אויס דער האָן,
און מיט אַ פויגל זיצן אויף אַ בוים,
צו באַגריסן די זון ווען זי קומט אָן.

2

די שטאָט ביז דאָ אַהער לויפט זי מיר נאָך —
אַ לאָקאָמאָטיוו וואָס האַלט אין איין פייפן;
אין איין ראָד איז לויז מסתם אַ שרייפל,
האַלט עס אין איין הויל קלאַפּן אין די שלייפן.

ווי ס׳בלענדן זשאַווערדיק מיינע אויגן,
אונטער זיי אַ געדריי פון שוואַרצע רעדער!
פאַלט די נאַכט אַראָפּ פון מיינע וויעס,
אַ טויב, אויפפלאָשנדיק, פאַרלירט אַ פעדער?

עפּעס הער איך איז אַראָפּגעפאַלן — —
ס׳שטרעקן זיך מיינע הענט עס צו דערטאַפּן!
זיי שטעלן שנעל אָפּ ס׳לויפן פון שטרעקעס.
און אין מיינע שלייפן — דאָס רעדער קלאַפּן.

3

ווי ס׳שמוצערט און צוויטשערט, וויוקעט און קוואָקעט
באַגינען איידער נאָך עס הייבט אָן צו טאָגן;
פון די גראָזן, פון די ביימער, פון טייכל
נעמט יעדעס באַשעפעניש זיין פסוק זאָגן.

דער „אויער האָן" האָט מסתם אָנגעהויבן,
מיט קאַטשקע און זשאַבע, די פרומע ביידע;
און די שעפעלעך אויפן באַרג צעוואָרפן,
זאָגן זיכער אַ פסוק פון דער עקידה.

װען הימל און ערד פֿאַרגייען זיך אַזױ,
װער קאָן דעמאָלט אױפֿן געלעגער איינליגן?
דערמאָן איך מיך כ׳בין אױך אַ באַשעפֿעניש,
און פֿאַל אַריין מיט טאַטנס „מה טובו״־ניגון.

4

װעקט ער די הינער פֿון שלאָף מיט זיין געקריי,
רופֿט ער זיך איבער מיט אַ האָן אַ צװייטן?
גאַנץ דאָרף איז, גאָט צו דאַנקן, אױפֿגעשטאַנען,
צו געדעקטן טיש מיט כל־טוב אַ געגרייטן.

דאָס פֿערד שלעפּט זיך געגעצדיק צום טייכל צו,
טון אַ פֿרישן טרונק אױפֿן ניכטערן מאָגן;
אַ שװאַלב כאַפּט שנעל אַ טראָפּל טױ, אַ ראָסל,
נאָר פֿריער מוז זי איר װייס בייכל אױסצװאָגן.

אין װאַרעם װייכן גראָז ליגט זי נאָך, די קו,
און האַלט שױן מיטן אין גריזשן און מעלה־גירהן,
אָבער נאָך איידער מען קומט זי אױסמעלקן,
גיט זי נאָך די ברוסט איר ביקל „בנאָק״ טייערן.

5

זי װייסט האָר געגוי װען ס׳קעלבל נעמט זי זייגן
און װען דער פּױער מעלקן. זי זאָל אים נישט טון קיין בריק,
בינדט ער אַ שטריק אַרום איר לענד, און װען ס׳קעלבל זייגט,
זיינען זיי ביידע צװישן הימל און ערד איין שטיק גליק.

ס׳דוכט זיך איר דער ביק קריכט איר אױפֿן רוקן אַרום,
און ניוכעט איר אין אױער אַריין עפּעס גוטס און הייס;
איר שװערער בױך ציטערט אױף פֿון אַזאַ זיסן פּיין,
מיט יעדן צי פֿון פּיסקל, מיט יעטװעדן בייס און רייס.

װי גוט קוקן גלאַט אין װעלט אַריין גרױס די אױגן!
עפּעס מוז ער דאָך זען איר מאַמעשי קװאישער בליק,
אַז זי שפּירט נישט צומאָל — עס אַרט זי װי דעם קאָטער! —
אַרום איר פֿייכטן פּיסק די זלידנע זשומענדיקע מיק.

6

פֿון באַרג װו װייט, אַ צעשפּילטע פּאַסטושקע פֿלייט,
איז מיט טױזנט טענער דער הימל צעמאָלן;
װי שפּיציק יעדער פּינזל, דינינק יעדער שטריך,
דער שװערער פּאַן — בלייכן שאָטנדיק די טאָלן.

דער רױזלעכער זױם פֿון בלױלעכן װאָלקנדל!
און דער זילבערנער זױם דאָרטן אונטן גאַנץ הינטן!



אַרױפֿגעכאַפּט זיך אױפֿן טאָפּל, אױפֿן שפּיץ,
כאַפּן אונטער טענער — דרום־צפֿון־װינטן.

פֿון איין שפּריצל בלױז מיינע שװאַרץ־אַפּלען בלױען,
פֿון אַזױ פֿיל הימל־בלױ זיי איבערגייען!
װאָס זע איך? האַרט נעבן מיר, פֿון גרױס התפּעלות,
פֿאַרגייט זיך אַ ראַבע־הון אין שװערע װייען.

7

עפּעס באַװעגט זיך װו, עפּעס באַלעבט זיך װו,
איינגעהאַלטן געשעפּטשע צװישן די צװייגן,
פֿון שרעק הייבן בלומען אָפּענע אױגן אױף,
און די גרעזלעך די קעפּלעך מיט אַזױ פֿיל שװייגן;

פֿון יעדן שפּיץ־בױם אַן אױסקוקער אַ פֿױגל,
הינטער נידריקסטן גרעזל טױט שטיל די גרילן,
די שװאַלבן מיט זייער אַהין און הער שװעבן,
האַלטן דערשראָקן שװעלבל אין איין איינשטילן —

מיט װילד־װוּנדערלעך רױטן שנאָבל די זון
פּיקט זיך לעבעדיק אױס פֿון די אייער שאָלן!
עס שיילן זיך קרישלדיק די בערג אַרום,
ס׳צעפֿאַלן די נעבל־פֿאַרשלייערטע טאָלן.

8

די דריי װייסע טױבן װאָס זיצן אױפֿן דאַך — —
װאָלטן עס דריי שװאַרצע װאָראָנעס געװען,
אין שנעלן שליחות זיי װאָלטן געקומען,
פֿון אַן אומגליק װאָס גייט װו איצט באַלד געשען.

די שװאַלבן טשװיטשערן פֿריידיק אױפֿן הימל,
פֿליען זיי אױף אַ חתונה אַזױ פֿרי?
צי דאַרף איך נישט דאָרט דער ערשטער מחותן זיין,
איז װאָס זיץ איך אַ טרױעריקער דאָ הי?

די דריי װייסע טױבן זיינען פֿון דאַך אַראָפּ,
און פֿון די שװאַלבן איז דער הימל שױן לער!
כלה־מתנות זיי האָבן מיטגענומען — —
מיין האַרץ אַ פֿאַרבלישטשעטס מיט אַ פֿרישער טרער.

9

װי אַ קינד גראַבלט זיך די זון אױפֿן באַרג אַרױף,
װען זי קומט אָן אין איר פּנים נישט אַריינצובליקן;
װי קיילעכדיק עס צעשטראַלט פֿון אַזאַ גרױסער פֿרייד,
װאָס ס׳אַרױפֿקריכן אַזױ הױך, געקאָנט דאָך איר גליקן.

אַ צעהיצטע ווייסט זי מיט זיך נישט אָנצוהייבן,
הענגט זי זיך נאַזנאַק אויף אַ קוזשאַק, שטעלט זיך קאָפּ קאַפּויער;
אָט קייקלט זי זיך גאָר אינגאַנצן צוריק אַראָפּ,
רייסט זיך בלוטיק אָפּ אַ שטיק באַק מיט אַ האַלבן אויער.

און זע, דורך יעדן הוילן שטרויעלע אויף איר וועג,
בלאָזט זי קונציק רעגנבויגנדיקע זייפן־בלאָזן;
די קליינסטע די פּיטשעדיקסטע הענגען נאָך אַראָפּ,
אין טויזנט און איין קאָליר פון די דינינקסטע גראָזן.

10

אַ פינקלדיק בלאַנקענדיק שייבן־שענקל
זעט אויס ס׳דערפל הינטן נאָכן רעגן;
פון פיינעם פאָרצעלאַן די הייזלעך,
שוואַרץ־זילבער געדינט — די גלאַטע וועגן.

און דאָס אָנלויפנדיק קליינע באַנדל,
אָקאָרשט די שפרונדזשינע אָנגעצויגן,
אין דעם איינגעשלאָפענעם וואָקזאַלעכל
לויפט עס אַריין — אין אַ רעגנבויגן.

ס׳גאָטישע קלויסטערל מיט די טורעמלעך —
להבדיל בין קודש, ס׳בשמים־ביקסל;
אַ רעמבראַנד גראַווירונג צו מגילת־רות —
אין האָבער־זשניווע דאָס זשוואַווע שיקסל.

11

אויב דער כנרת זעט אויס ווי אַ פידל,
בערגעלע איבער בערגל דאָ — אַ מין באַס!
און איז שלאַנק פערד, קלוג בלישטשענדיק מיט אייגל,
נישט ווירקלעכער ווי אויפן אָלימפּ דער פּעגאַז?

איז אַרויפגעכאַפּט זיך, ווי אויף אַן אָדלער,
איז ביז צום כנרת געפלויגן דערמיט!
בלויז דאָס לאָשעקל, לאַכנדיק צעהירזשעט,
צי וועט עס מיטהאַלטן קאָנען גלייכן שריט?

אויב מיין לייב קיין שפּיגלדיקער פידל מער,
ער בייכלט זיך שוין אַ בורטשנדיקער באַס!
איז געסטרויעט אַ סטרונע, אַ צעברומטע,
נאָר נישט קיין וויינענדיקס, חלילה וחס.

12

ווי קליינינק דאָס פייגעלע און ווי גרויס דער הימל,
און ווי עס גיט זיינע פליגעלעך אַ צעשפּרייט;



מיט דער זיסקייט פון זיין געזאַנג, מיט זיין הויכן פלי,
די ליידיקייט איבערגייט מיט ווייט און מיט ברייט.

איז עס מיט זיין זינגען, מיט זיין שוועבנדיק וועבן?
דורכזיכטיק־זיידן און אומענדלעך עס פאַרזינקט;
גאַנצער הימל — אַ בלויער פויגל, אַ צעגלאַצטער!
ווי פליגלדיק־בלאַנק און איין־אויגלדיק עס ווינקט.

די זון, די פליגל צעפלאָשעט צעשפּרייט צום פלי,
אויף טאָפּאָל — אויף איין פּיסל אָ פויגל זי שטייט!
און דאָס פאַרמאַטערטע האַרץ פלאַטערט באַפרייט אויף,
אַריינצופאַלן אין געזאַנג־ און שוועב־באַגלייט.

13

ווי ליבלעך ווי זיס עס וויגט זיך דאָס האַרץ,
אין שטראַלן געפלאָכטן גין־גאָלדן וויגל;
איבער דיר יענער חלומל מלאך,
ער וויגט עס מיט פערלמוטערן פליגל.

אָט שטעלסטו דעם ערשטן שריט, שוין גייסטו,
און ביז צום הימל נאָך איין זילבער שטיגל —
פון דיין געבונדענעם לייב און לעבן,
אַראָפּ איז נעבל־פאַרכישופטער עגול.

איך זע עס, ווי פון ווייטן דאָ דער ים,
אין לאַפּיס־לאַצולי איינגערעמט שפּיגלט:
עס איז די ליבשאַפט אין מענטשלעכן האַרץ,
מיט אַ טרער פון אויג אייביק געזיגלט.

14

אָ, אַז די ליבע אין מענטשלעכן האַרץ,
אַז זי איז נאָך נישט אינגאַנצן צעשטערט — —
ווי דאָס צעהיצטע פערד, ווי דער זוימען
ס׳דערשמעקט וואַרעם די דאַמפנדיקע ערד.
אויף מיליאָנען שפּליטער דער ערד־קיילעך,

אפשר ווערן צעשפּליטערט און צעשטויבט,
אָבער דאָס האַרץ וואָס צעריסענער ס׳ווערט,
אַלץ גאַנצער און אַלץ העכער זיך דערהויבט —

אינמיטן זיין פונקן־ און שטויב־געלויף, —
אונטער זיין טראָט צעשאָטן שוין די ערד!
און מיט זיינע אויגן, צוויי געטלעכע,
אַן אויפגעלויכטענער בלייבט שטיין דאָס פערד.

15

דאָ הערט אויף מחיצה־פּלויט צווישן לעבן און טויט,
דאָ, נאָנט צו דער ערד איז מען געוואַקסן דעם לעבן,
און דאָס באַליידיקסטע און אויסגעליידיקסטע האַרץ,
ווערט פול דאָ מיט גוטסקייט צו יעדן און מיט פאַרגעבן.

אין „בלינדן־שריפט" זיינען פאַרטיפט דיינע פינגער:
אָט אַ שאַרף גרעזל, אַ שטעכערל, אַ צאַרט בלימל;
דיינע פאַרלוירענע אויגן, בלוי איבערלאָפן,
זיינען צוויי טראָפּן פאַרלוירן אין טיפן הימל.

און אויב אַ זשוק, אַ מרוק, וואַקלט קרום אָן, נודנעדיק,
פון זיין ביטער לעבן ער וויל נעמען דערציילן,
קומט אונטער אַ „משיחל", הכנעהדיק־נאָנט און שטיל,
און גלויביק ווי אַ קינד, די פינטעלעך נעמט ציילן.

16

פון עפּל־סאָד הינטן ביז אויף באַרג דאָ אַרויף,
אַ וואַקלדיקער „קאַראַוואַן" מיט האַק און פּאַק,
אַרויפגעשלעפּט האָט זיך דער שליימיקער שניעק —
גלאַטער אַספאַלד זיין סערפּענטין־שליאַד־שלאַך־ציק־צאַק.

פּראָזשעקטאָרס שטרעקן זיך קונציק זיינע פּילערס,
פלינק זיי דערשמעקן קלענסטן שטרויכל און געפאַר;
איינער אַ פּילער קערעוועט זיך אין מיין זייט,
קורטשענדיק זיך פאַר שרעק בלייבט ער שטיין שטייף און שטאַר.

נאָר שנעלער ווי מיט שנעל־צוג, פליער און ראַקעט,
ער קומט אָן יעדע רגע צו ציל און צום צוועק,
און אייביקער ווי קאָנקריד געפלאַסטערטער שליאַך,
איז דער שליימיקער ציק־צאַק־סערפּענטין פון שניעק.

17

אין קלאַפּער די זומער־פייגעלעך ווי צוגעוואַקסן,
נידריק איבער האָבער פלאַטערן די שוואַלבן,
אין דער געקאָסטעטער קאָניעצינע ליג איך קעלביק —
אַ מעוברתדיקע קו וואָס האַלט זיך ביים קאַלבן.

דער שאַרפער דאַמפּיקער היי־גערוך, די שווערע חמימה,
ווי ס'ציט אין די גלידער און עס ברעכט אין די זייטן;
פון ערגעץ ציט אָן דאָס געוויטער, עס דערקייקלט זיך,
פולע פעסער אָנקלאַפּנדיק זיך איינס אין צווייטן —

נעצט אַ שפּייכל, איז לויז אַ שפּונד? שווערע טראָפּן פאַלן — —
אַ בליץ רייסט מיינע שווער פאַרכמאַרעטע אויגן!



און איך זע נאָך, דאָס הינטערשטע ראָד פונם רייט־וואָגן,
אינם זיבטן טויער פונם רעגנבויגן.

18

אַזאַ הייליקע מיט שטראַלנדיקע הערנער,
דרייט זיך אַ פאַרקלערטע קו אַרום אין זון,
וואָלט זי איר קלוג מויל געעפנט און צערעדט זיך,
ווער ווייסט וואָסער סודות געקומען דערפון.

איך הער זיך צו צו יעדן גריזשע, וואָס זי טוט,
און צום ברומען, וואָס הערט זיך טיף פון איר בויך,
ווי ערלעך אירע צוויי אויגן קוקן מיך אָן,
קיין פיצל פניה, פון קנאה שנאה קיין הויך.

איך הייב שיעור נישט אָן צו פאַרשטיין יענעם אינדער,
וואָס פאַרבייגט זיך טיף ביז צו דער ערד פאַר איר,
און מיט דעם אומריין, וואָס זי לאָזט אַרויס פון זיך,
טוט ער זיין מענטשלעכן שטערן אַ באַשמיר.

19

איך ליג אַ צעאָטעמטער, צעניוכעטער,
אַ צענטויער מיט אפשר צען טויזנט נעזער,
די פעטע לאָנקעס עס איך מיט די אויגן —
אַ ביק מיט צעסלינעטע לעפצן די גרעזער.

ווי אַ גריל מיט פיסלעך, מיט מיינע פינגער,
שמועס איך מיך אַדורך היימיש מיט יעדן גרעזל;
כסדר איך ציטער אויף, אַ האָרכנדיקער,
מיט אויפגעשטעלטע אויערן אין שרעק — אַ העזל.

אַ צעקלינגטער מיט גלעקלעך איך שאָקל מיך,
איינגעשלאָפן אויף אַ קעמל צווישן די האָרבן;
אָ, כ'ליג אַן אויסבאַהאַלטענער אין די בערג,
אַ רויב־פויגל וואָס לאָקערט אויף זיין קרבן.

20

איך האָב אים דעם רויב־פויגל נאָך נישט געזען,
בלויז די פעדערן פון אַ פאַרציקטער טויב;
אויפגעשראָקן פליט איינע מיר שנעל פאַרביי,
זי מיינט איך בין דער רויב־פויגל, איך גלויב.

און ווי מיט פרייד איך בין דעם באַרג דאָ אַרויף,
אַזוי לאָז איך מיך פאַרשעמט פון אים אַראָפּ;
ביים ערשטן בוים וואָס איך טרעף אָן אויפן וועג,
בלייב איך אַ טרויעריקער שטיין און זיפץ טיף אָפּ.

פון צווישן געצווייג איז אַ פויגל אַרויס,
מיט אַזאַ וויסטן רציחישן געשריי — —
אין מיין האַרץ האָט עס פריידיק אויפגעציטערט:
ער האָט מסתמא געמיינט, אַ טויב פליט פאַרביי.

21

עס טרייבט ווער די וואָלקנס אַ סטאַדע מיט קי,
די פולע אייטערס הענגען שווערע אַראָפּ,
עס קנאַלן די בייטשן הילכיק צעפּיפּן,
אויף בערגל ס׳קלויסטערל שטייט שוין — דער מילך־שקאָפּ.

שוין שליסט זיך גרוי דאָס רעגנבויגן־טויער,
לויפן זיי אָן מיט אַ מריטשעדיק געיעג;
די בלאַנק געשייערטע בלעכענע קאַנען,
בלישטשען אויף אין אויפגעשטויבטן מילך־וועג.

„דער הונט", אַ מידער, די סטאַדע טרייבנדיק,
ער וואַרט נאָך אַ ווייל איידער ער לייגט זיך צו:
אויף פולע לבנה, איבערגייענדיקע —
אויפן טעלערל מילך דירעקט פון דער קו.

22

דאָס ווייסע קאַלב אויף גרינער לאָנקע,
ווי פאַרכישופט ס׳וואָלט געווען זעט עס אויס;
אַ וואָלף־קולאַק ס׳וועט נאָך באַלד ווערן,
ווען נאָר פולע לבנה וועט אַרויס.

ווי שטיל עס שטייט אין דער שקיעה שעה,
אויף דעם טונקלען גרין אַ העלער פלעק!
אין דער פינסטערניש מען זעט אים קוים,
זיין מיקן יאָגנדיקן שוואַרצן פלעק.

די שרעק וואָס עס פילט — עס האָט מורא,
צו מעקן נאָך דער מוטער־קו צומאָל:
ס׳וועט נאָך אַראָפּפאַלן פון „וואָגן",
פון אַמאָל דער וואָלף־קולאַק פונם טאָל.

23

איז די יאַלעווקע אַריין אַ שטילע אין שטוב?
קאָן אַ מענטשלעך קינד האָבן אין זיך אַזוי פיל רו?
מיט די אויגן, מיט די לאַשטשענדיקע הענט?
דערלאַנגט זי די לבנה, אַ גלאָז מילך פון דער קו?

נאָך וואַרעמער ווי דער געטראַנק, אירע בליקן,
זיי שווימען פון אויבן, אויסצוטרינקן מיט איין צי;



אַ פאַרחלומטער, מיט האַלב אָפענע אויגן,
בלייב איך ליגן אויפן געלעגער ביז אין דער פרי —

אַ שטיק פינסטערניש, האָרכנדיק שטיל־שאָרכענדיק,
איך הער, ווי אין שטאַל אויף דער קייט עס רייסט זיך דער ביק — —
גאַנצע נאַכט וואַכט דער הונט פאַר מיין פאַרמאַכטער טיר,
מיט אַן אויפבלישטשן כסדר אין זיין מידן בליק.

24

„האָט בלעמן געפּאַסט צו ריידן מיט זיין איזל,
פאַרוואָס זאָל מיר נישט פּאַסן אַ שמועס צו טון מיט דיר?"
גיט ער גנביש אַ פינקל מיט אַן אייגל, דער הונט,
שטעלט זיך אויף ווי אַ מענטש צווישן ביישטידל און טיר:

„זיי קראַקען קראָען, זיי קאַר׳ן מיאַוקעצדיק דאָ אָן,
ווייך־פּיסלדיק ווי קעץ און לאָזן איבער אַ שטינק;
דו זעסט מיר, לחלוטין, אַ גאַנץ אַנדערער עפּעס אויס,
פאַכאָזשע אינגאַנצן אויף מיר, פויל, שלעפעריק, פלינק.

זיי אַלע שווייגן און זעען אויס ווי זיי ריידן,
דו זעסט אויס ווי עפּעס אַ מין רויב־פויגל וואָס זינגט;
איך וואַרט שוין, זיי מוחל, דעם טאָג אָן, ווען וועסט אַוועק,
און זען וואָס דו וועסט איבערלאָזן, וואָס פאַר אַ שטינק".

25

„שלאָפסט אויך מיט אָפן אויג, אָדער מאַכסט זיך געפּגרט,
צי פּאַסט דיר טאַקע נישט אַ וואָרט צו מיר אויסצוריידן?!"
איז עס שוין אַ מרוקעדיק האַווקען, אַ בייז בילן,
מיט די אויגן צום באַלקן, מיינע אויסצומיידן.

„שוין מיט דעם היילן־מענטש דאָ אויף די בערג געקלעטערט —
דעם עקסי אַריבערגעשפּרונגען מיט אוראַנג איטאַנג"!
„מיך האָט גאָט אַליין אויסגעקנאָטן מיט זיינע הענט
פון אַ שטיקל הייליק ערד וואָס איז לויטער געזאַנג!"

האָב איך אים די הינטישע העזה איבערגעריסן,
אָדער אַ זיס חלומל אין מיין האַלב־וואַכן שלאָף?
אָנגעלענט אויף שטעקן, שטייט לבנה איבער אַ בוים,
אַן איינגעדזימיעטער פאַסטוך וועלכער היט די שאָף.

26

וועקסלען זיך די נאַכט משמורות אַצינד,
גייט לבנה פון אונטער כמאַרעס אַפויער?
אין בלויען עגול ליגט ליכטיק דער הונד,
זיין רויטע צונג הענגט ציטערדיק מיר אין אויער:

„מיין נישט כ׳היט דיך אַ גנב אין דער נאַכט,
אַז כ׳ליג דאָ טשאַטענדיק — אַ הונד אויף דער לויער !
כ׳האָב בלויז מורא ס׳זאָל נישט עפּעס געשען,
גרוילסט מאָדנע די נאַכט אָן מיט גרויליכן טרויער.

„בלויע אויגן זאָלן אויסזען אַזוי,
מוז דאָך אַזאַ צער אין זיין זיין אומגעהויער — —״
ער שליסט זיין בליק מיט אַזוי פיל גוטסקייט,
און אין פענסטער די נאַכט אַלץ בלויער און בלויער.

27

דער צעקרומטער עפּל־בוים אינם כאַטע־פענסטער,
ער ווערט ערשט אַזוי דייטלעך אין דער לבנה־נאַכט ;
זיין טונקל גרין אויפן העלן ליידיקן פליין,
האָבן אים צוריק פאַר אַן עפּל־בוים געמאַכט.

אַ פּעכער, פליגן מיט אים צו יאָגן זעט ער אויס,
אין זון, ווען די בהמות ליגן אַרום אים אַרום ;
שווער אָטעמען די בייכער, מיד פאָכן די עקן,
און זייערע צווייגן יאָגן דעם פליגן־געזשום.

ערשט אַצינד, אַן אויסגערוטער שפּעט נאָך האַלבער נאַכט,
ווערט ער צוריק אַן עפּל־בוים, צעקרומט, צעקנייטשט, אַלט,
ווי געבויגן אונטער דער שווערער משא ער שטייט !
מען הערט ווי פון אים אַ ווערעמדיקער עפּל פאַלט.

28

ס׳פּריש ביסל מילך שוין אויסגעמאָלקן פון דער קו,
פון אונטער הון אַפּויער גענומען אַ וואַרעם איי,
און דירעקט פונם נאַקעטן בויך פון דער ערד —
די קאַרטאָפל און די פּאָר מערלעך וואָס דאַביי.

די זאַפטיקע עפּל זיינען נאָך נישט צייטיק,
איז שנעל נאָך אַ פעסטן שאָקל געטון פלוימען־בוים !
אָ, ווי עס שיט זיך ווי צו אַן איבערוואָרפן,
אַזאַ גרויסע שפע, און נאָר אַ ריר געטון קוים.

גייט זי נאָך אַרויס פאַרנט אינם גערטנדל,
אָנרייסן אַ בלום, אַ רויז פאַרן געדעקטן טיש — —
אָ, ווי שבתדיק מיין מאַמע האָט אויסגעזען,
פאַרבראָקנדיק מיט אַן אָרעם מערעלע די פיש.

29

אָ, מיין מאַמעס שבת־אויבס טעלער,
דעם זילבער־געהעמערטן גראַווירטן ;



מיט די עפּל פון עין־גדי,
מיט שעפּעלעך און הייליקע הירטן.

אויף מיין ווייטן וועג ווו פאַרלוירן,
ווידער דאָ כ׳האָב אים צוריק געפונען ;
געזען אים שווימען אַ גאַנצע נאַכט,
אין קריסטאָלן קלאָרן בערגל ברונען.

מיט שוואַלבן־געשוועב כ׳האָב אויפגעוואַכט,
מיטן וואָרקן פון די טורטל־טויבן ;
און זע, אין דער מאָרגן־שעה, אַצינד,
ס׳איז גאָר ס׳טעלערל פון הימל אויבן.

30

דער קודלאַטער הונט וואָס ליגט אויף דער זון,
ווי רואיק ער זוכט די פליי אין זיין פעל,
דער אַלטער פויער מיט פייקע אין מויל,
שטייט רחבותדיק אין ווייסן העמד אויף שוועל.

צומאָל דער הונט ווייסט אַז ס׳איז זונטיק היינט,
אַנדערש קוואָקן די הינער, קרייט דער האָן ;
ווי ער וואָלט זיך דאָס בלאָסטע זיידן העמד,
דעם הימל לכבוד היינט אָנגעטאָן.

זשמורען זיך, אַלטע, די ראָפּע אויגן,
אַ מאָרדיטשקע בלענדט זוניק זייער בליק :
ווי עס בייסט דאָס די פאַרשיווע גריווע,
נאָך יענער צייט וואָס קומט נישט מער צוריק.

31

ווען די צעוואָרפענע לעמער אויפן באַרג,
די טומאהלע־גלעקלעך קלינגען הערן,
הויבן זיי די אויגן אויף מיט אַזאַ שרעק,
זיי מיינען מען קומט רי וואָל זיי שערן.

איז עס נישט ווי מען וואָלט די שערלעך געשליפט ?
פון גרויל שטעלט זיך זיי די וואָל קאַפּויער ;
נישט נאָר האָרכן גרויס אויף זייערע אויגן,
זיי בלייבן שטיין אינגאַנצן בלויז אויער.

ערשט ווען זיי הערן דאָס שטילע געבלעקעץ,
לאָזן זיי די קעפּ צוריק אַרונטער,
און זיי צעבלעקן זיך אַלע צוזאַמען,
שיכורלעך אַזוי, זונטיקדיק מונטער.

32

ווי ער קאָן דאָס די קו, דאָס פערד און ווי ער ליבט זיי,
און נאָך געטרייער מערער זיינען אים זיי ביידע;
אַז זיין באָבע האָט קו׳ס עלטער־באָבע געמאָלקן,
און מיט פערדס עלטער־זיידע געאַרבעט שוין זיין זיידע.

זונטיק נאָך דער מאָלצייט, ווען הונט זשימיעט ביי זיינע פיס,
חלומט זיך זיס פון יענע אור־אור־אַלטע צייטן,
ווען די ריזן פון די בערג און די היילן־מענטשן
שטרייטנדיק, דעם עקס מיט איין שפּריז אַריבערשפּרייטן.

און ווען דאָס גלעזל סיידער גייט אים אין קאָפּ אַריין,
הייבן אים אָן פינקלדיק סווישטשן די אייגעלעך:
צי אי דען נישט ער אַליין יענער היילן־מענטש?
זיין קאָפּ אַ צעצוויטשערטער בערג־נעסט מיט פייגעלעך —

33

אַז מען זעט אַזאַ שטיקל ערד ווי דאָ,
מ׳איז נישט מער קיין פּיראַט, רייצן נישט קיין גליקן;
מען שלעפּט מיטן פערד צוזאַם דעם אַקער,
און דער עפּל־בוים טוט אויג און האַרץ דערקוויקן.

אַז מען האָט אַזאַ שטיקעלע ערד ווי דאָ,
מ׳לאָזט זיך נישט מער איבער וועלט מיט מאַסט און זעגל;
דער עפּל־זאַפט סיידער פאַרן ווינטער,
און דעם כוח אויסגעפּרוווט ביים שפּיל פון קעגל.

אַז מען ליבט אַזאַ שטיקל ערד ווי דאָ,
איז מען פאַרברודערט מיט גאָט, מיט מענטש, מיט חיה;
דאָס ווייב און דאָס קינד, דאָס פערד און דער הינט,
איין משפּחה אַרום טיש — אַרום ערד געטרייע.

34

זיך געראַטעוועט צופוסנס אַ באַרג,
ערשטער ייד דאָ מיט דורות הונדערט צוריק,
און ביחידות געדאַנקט גאָט דערפאַר — —
אַלץ אַרום דאָ סוד־געהייליקטער אַנטיק.

כמה קאַפּליצעס, קלויסטערס, קאַטעדראַלן,
אויפגעשטעלט אויף דעם דאָזיקן תפילה־אָרט,
קונציק געקרייזלט יעדעס טורעמל — —
אָבער ווי פאַרגרייזט פון געבעט יעדעס וואָרט.

איך האָב מורא מיין בליק אויפצוהויבן,
נאָך הער איך פון רויב־פויגל דאָס געקרייז,



אָדער איז עס אַ באָמבע גאָר — — אָ, גאָט!
„אדם ובהמה באַהיט פון אַלדאָס בייז — — —"

35

דאָ הערט אויף מחיצה־צוים צווישן בעל־חיי און מענטש — —
און אויב פאַרן געשפּאַן ווערט איינגעשפּאַנט דאָס פערד,
שטופּט דער מענטש אונטער דעם וואָגן ווען דער וועג ווערט שווער;
פערד שלעפּט דעם אַקער, מענטש גראָבט מיט שפּאָדל די ערד.

הונט לויפט נישט אין געוועט, ביי דער זייט חבריש ער גייט,
און נישט ווילד אין גאַלאָפּ העצט פערד אין געיעג;
אַזאַ שלוהדיקע רחבות איבער ווייטן פליין,
און איינער דעם אַנדערן שטייט נישט אין וועג.

געביידע איבער געביידע הויבן זיך די בערג,
שפּיגלדיקע הימל־פענסטער פּראַלט שטאָק אויף שטאָק!
קיין פאַבריק־קוימען, רויכערדיקער, קיין סירענע — —
שאַ, שוין ווידער ווו ווייט וועקט אָוונט געבעט גלאָק?

46

. . . איז ווו הערט אויף מחיצה־צוים צווישן מענטש און גאָט?
ליידיק ווערט געדאַנק און וואָרט, ס׳באַליידיקט דאַנק און לויב
אויב ס׳עפנט זיך נישט אויף דאָס האַרץ אַ טויבן־שלאַג,
און אַריין און אַרויס פלאַטערט וואָרקנדיקע טויב.

נישט ערשט סינאַגאָגע, גוג־ומגוג פּאַגאָדאַ,
צי גאָר געץ־פאַרגלאָצטער, ווינדיק־וווּנדערלעכער דאָם —
פאַרדבקעט גאָט־וואָרט יעדע רגע, יעדעס אָרט,
און זון אויפגאַנג און אונטערגאַנג אין יעדן אַטאָם!

ווען ס׳הערט אויף מחיצה־צוים צווישן גאָט און מענטש,
רוישיקסטע שטאָט — לאָנקע אין לאַשטשענדיקן ווינד,
שוואַלבן־חתונה אויף הימל — פּליער שוואַדראָן!
און ציגעלע אונטער וויגעלע פון יעדן קינד.

37

דער פויער שנאָרכט געשמאַק מיטן פייקעלע אין מויל,
די פויערטע שלאָפט אויך — די קאַץ אונטער דער באַנק;
קיין שאָרך אין גראָז, אויף בוים קיין בלעטל גיט זיך קיין ריר,
איז צו וועם זאָל איך, איידער איך גיי, זאָגן מיין דאַנק —

הויב איך דאַנקענדיק די אויגן צום הימל אַרויף,
און זע, וווּנדערלעך, דער רויב־פויגל פליט גראָד פאַרביי!
ווי ליבלעך ער שוועבט, ווי קונציק ער קרייזט אַרום זיך,
„איז עס כדי — —" פאַרבייסן מיינע ציין אַ געשריי.

ראַפּטים צום אָונט־געבעט רופט שטיל דאָס קלויסטערל —
מוזט—אַ—וועק, מוזט—אַ—וועק—אַוועק! גייט אין מיר מיין האַרץ אין שרעק.
און נאָך איידער די אַנדערע גענעצן זיך אויס,
קאַץ, ווי מיט עפּעס לעבעדיקס, שפּילט זיך מיט איר עק.

38

די שלאַנק־לאַכנדיקע ווייכע מאָרדע פונם פערד,
אַרום די טויזנט ניוכנדיקע פעלדלעך און קנייטשן;
דער טיפער טרויער אין די שטילע גרויסע אויגן,
די געירשנטע שרעק פאַר די פאַכנדיקע בייטשן.

ווי קלוג ער איז, זיין האַלטן זיך און זיין עכטער שטאָלץ,
אַלע אין דאָרף דערקענט ער אין גאַנג, אין שריט, אין באַוועגן,
און דער פריידיקער הירזש זיינער ווען ער דערזעט וועם,
אַ ברייטן „האַו דו יו דו״ ווי ער וואָלט יעדן געגעבן.

ווען אַ קאַר יאָגט פאַרביי, גיט ער אַ שאָקל מיט קאָפּ,
ווי געזאָגט: וואָסער ווערט האָט אַ פערד היינטיקע צייטן?
אַ גאַסט ברענגען צום צוג, מ׳פלעגט סטענגעס פלעכטן אין מיין עק!
און אין מיין גזשיווע — צעפלעך מיט די בונטעסטע קווייטן.

39

איך הער שוין דאָס קלאַפּן פון די רעדער,
און דאָס שווערע סאָפּן פונם לאָקאָמאָטיוו;
„ציש־ציש־ציש!״ הירזשעט נישט דאָ ווו דאָס פערד?
ווי ס׳קוקן מיך אָן צוויי שליפּיעס ליכטיק נאַאיוו —

היימיש־מענטשלעך, גרויס־שטאָטיש־ווילעריש,
מיט אַ פּייף און מיט אַ שפּריץ פון צווישן די ציין:
„פון אונטן גייט אַ פּאַרע, פון אויבן רויך״ —
„צשששששש—ש״, אויב נישט אויף ווינק, מיט געפינק אַלץ שוין צו פאַרשטיין —
— — — — — — — — — — — —

און גרוסן כ׳פיר אַ גרויסן טשעמאָדאַן!
בפירוש איך הער די קאַץ שיקט אויך מיט אַ גרוס:
„מיאו, מיאו, מיאו — —״ און איז עס נישט ווייל כ׳פאָר שוין,
פאַרציט זי זיס ס׳פּיסקל מיט געמאַכטן פאַרדרוס?

40

וואָלט ער נאָך געקענט אַ שמייכל טון, דער הונט,
גאַנץ ווי זיין בעל־בית וואָלט ער אויסגעזעצן;
ווו געגאַנגען איז ער מיר נאָכגעגאַנגען,
ס׳זאָל מיר חלילה קיין בייז נישט געשען — — —



איז עס געווען כיטרעקייט, צי גאָר פריינטשאַפט,
וויפיל כ׳האָב נאָכגעטראַכט נישט געקענט דערגיין!
כסדר קוקט ער מיר אין די אויגן אַריין,
איך אים, פון דער זייט, אויף די שאַרפע ציין.

ער האָט מיך באַגלייט ביז צום לעצטן דאָרף־הויז,
און מיר האָבן זיך פאַרשטאַנען אויף ווינק:
אין קליינעם דערפל דאָ, אין דער גרויסער שטאָט,
דאָס הינטישע לעבן אינערגעץ נישט גרינג.

41

הייב איך אויף מיין בליק צום פייגעלע אויף בוים,
האָט עס מיך דען נישט אויך באַשיידן שטיל באַגלייט?
עס האָט דאָך פליגעלעך און עס קאָן פליען,
און געוואַגט אַזש ביזקעל דאָ אַהער אַזוי ווייט.

ווי קליין עס איז, ווי פיטשעדיק און ווי גרינג,
פוכיקט זיך דאָס בייכל אים און עס גייט אין גאָלד;
און מיט איין אייגל ווי עס בלינצלט און בליקט,
און נישט זינגען, נאָר ווי ריידן גאָר עס וואָלט געוואָלט:

אמת, אין קליינסטן דערפל ווי אין גרעסטער שטאָט,
דאָס פויגל־פרייע לעבן אין ערגעץ נישט גרינג;
אָבער צי קאָן זיך דען ווער צו אונז פאַרגלייכן,
ווען דאָס האַרץ גיט זיך אַ צעפלאַטער און טוט אַ זינג?

42

נישט מיט אַ צווייגל וואָס הייבט שוין צו וועלקן אָן,
ווינקט מיידליש־באַשיידן אַ ביימל מיר צו —
מיט אָן עפּל אַ האַלב־צייטיקן, פאַרויטלט,
שאָקלט עס ווי אַ ווייטן באַקאַנטן אייליק צו:

ווערסט דיך נאָך דאָ אַריבערכאַפּן אַמאָל,
ווי אַ יינגל עפּל רייסן איבער אַ פּלויט,
כ׳וואָלט נאָך געוואָלט, זאָגט עס צוריקגעהאַלטן,
זאָלסט מיך זען ווען מיינע בעקלעך ווערן רויט.

קוק נישט אויף מיין געשטעל קרום צעבויגן —
וואָס מער אָנגעלאָדן אַלץ נידריקער געבוקט — —
איך הער נישט מער וואָס ס׳שעפּטשעט אייליק נאָך,
אין שקיעה־ים, עס פאַרשווינדט, ס׳טובלט זיך און טוקט.

ברענד־נאָל, 6—18 אויגוסט, 1955.

* דער טייך אין סאָמערסעט.

## דר. יעקב י. מייטליס

# מיין באגעגעניש מיט טאמאס מאַן

מיטן טויט פון טאָמאַס מאַן איז פון אונדז אַוועק אַ גדול הדור, אַ יחיד־במינו׳דיקער דיכטער מיט אַ ברייטן פאַרנעם און אַ גרויסן שעור־קומה, וואָס איז געשטאַנען אין משך פון די לעצטע עטלעכע צענדליק יאָר אויפן סאַמע מזרח פון דער וועלט־ליטעראַטור. זינט די צייטן פון געטען האָט דאָס דייטשע פאָלק של מעלה, דאָס גייסטיקע דייטשלאַנד, אפשר נישט אַרויסגעגעבן פון זיך אַזאַ גאונישן פראָזאַאיקער, מיט אַזאַ אייגנאַרטיקן, ראַפינירטן און באַגלייך געליטערטן סטיל, אַזאַ טיפן געשטאַלטיקער, ווי טאָמאַס מאַן. אַלס אַ דערציילער פון גאָר אַ הויכער קינסטלערישער קוואַליטעט און מדרגה, אַנטפלעקט אונדז מאַן אין זיינע צאָלרייכע ווערק אַ רייכע, דורות־אַלטע וועלט־קולטור, וואָס גייט ביי אים האַנד אין האַנד מיט אַ טיפער הומאַניטעט, אַ ראַפינירטער פקחות און אַ רייפער אויסגעאיידלטער חכמה, וואָס דערקוויקט און וואַרימט אונדזערע פאַרחלשטע הערצער אין דער שקיעה־צייט פון אַ גרויסער קולטור־עפּאָכע. ער איז געווען איינער פון די ווייניקע גייסטיקע גדולים, און דאָס איז אפשר דער גרעסטער שבח, וואָס מען קען נאָכזאָגן אַזאַ גאונישן קינסטלער ווי טאמאס מאַן, וואָס זייער לעבן און שאַפן איז געווען ווי פון איין גוס, אויסגעגליכט, אויסגעצייטיקט און האַרמאָניש.

טאָמאַס מאַן איז געווען אַ סובטעלער קינסטלער מיט אַ ווייטן וועלט־באַנעם און מיט אַ שאַרפן, אַנאַליטישן בליק פאַר די בלוטיקע ראַנגלענישן און סתירות פון אונזער צייט. האָט ער זיי טאַקע געמאָלט מיט דער גאַנצער שאַרפקייט פון זיין פען און דעם ברען פון זיין מאָראַלישער פערזענלעכקייט. עס איז געווען אַן אומפשרהדיקע קריטיק פון דער מאָדערנער אייראָפּעישער, בעצם דייטשער קולטור, בעיקר פון די יסודות פון דער קינסטלערישער יצירה אין אַ תקופה פון אויסטערלישער גייסטיקער און מאָראַלישער ירידה פון דעם אַלמעכטיק געוואָרענעם מענטש, דעם האָמאָ סאַפּיענס. עס איז די אייביקע שפּאַנונג צווישן נאַטור און גייסט, צווישן דער וועלט פון אַ מאָראַלישער אָרדענונג און די כוחות פון פינסטערניש און צעפאַל. מיט דער גאַנצער אחריות פון זיין קינסטלערישער פערזענלעכקייט האָט מאַן אָפּגעפרעגט דעם ווערט פון דער היינטיקער קולטור. אומעטום אין זיינע גרויסע ראָמאַנען האָט ער זיך באַמיט אויפצווייזן איר אינעווייניקסטע טראַגיק, די ביטערע קללה, וואָס רוט אויף דעם היינטיקן דור. אָנגעהויבן פון זיין באַרימטן ווערק די „בודענבראָקס“, זיין „טאָניאָ קרעגער“, „דער צויבער באַרג“, דער גרויסער יוסף־ראָמאַן, ביז צום לעצטן ווערק „די ווידוים פונעם אַוואַנטוריסט פעליקס קרול“, פול מיט אַ צייטיקער, הייטערער איראָניע, איז דאָס אַלץ, וואָלט איך געזאָגט, אַ מין עפּיש־גייסטיקע דיאַגנאָזע פון דעם פונאַנדערפאַל פון דער מאָדערנער קולטור. אין זיי מאָלט אונדז מאַן מיט אַ זעלטענער עפּישער רחבות און מיט אַ גרויסער קינסטלערישער ווירטואָזיטעט די פּראָבלעמען פון זיין צייט און אירע מענטשן, אַריינטראָגנדיק באַגלייך



אַ ליכט אין די סאַמע פאַרוואָרפענע ווינקלען פון דער מענטשלעכער געזעלשאַפט און אירע בלוטיקע ראַנגלענישן. אומברחמנותדיק רייסט מאַן אַראָפּ דעם פּיינעם, דינעם שלייער פון אונדזער היינטיקער קולטור, וואָס ער באַטראַכט פאַר אַ נוטה למות. עס איז די בירגערלעך־קריסטלעכע און ליבעראַלע ציוויליזאַציע פונעם צוואַנציקסטן יאָרהונדערט, וואָס האָט נישט אויסגעהאַלטן איר עקזאַמען. זי איז זיך פאַרלאָפן אין אַן ענג געסל, פון וואַנען זי קען שוין גאָרנית אַרויס. האַלט זי טאַקע ביי אַ טאָטאַלן באַנקראָט. דער היינטיקער אייראָפּעישער מענטש האָט, לויט מאַנען, אפשר אַ שפּאָר ביסל גייסט, אָבער זיין גייסט איז געשפּאָלטן אין עקסטרעמען. ער איז דערפאַר נישט לעבעדיק און פּרוכפּערדיק. אדרבא, ער איז פאַרגליווערט און טויט. איז דאָס אפשר די גרעסטע טראַגעדיע פון דער היינטיקער צייט.

אָט די פּראָבלעמען און סתירות פונעם לעבן לאָזן אים נישט אָפּ, זיי גיבן אים נישט קיין מנוחה. ער ראַנגלט זיך כסדר און זוכט זיי ביייצוקומען. אין דעם פּרט איז אים זיין גרויסע קונסט בייגעשטאַנען. אין דער קינסטלערישער געשטאַלטיקונג פון די אים מאַטערנדיקע פּראָבלעמען, פון דער אייביקער שפּאַנונג צווישן גייסט און מאַטעריע, לעבן און טויט, זוכט דער דיכטער זיי צו פאַרענטפערן און גיט זיי זייער תקון. ווי אָפט אין דער געשיכטע פון דער וועלט־דיכטונג, איז אויך טאָמאַס מאַן, זוכנדיק אַן אויסוועג פאַר זיינע יסורים און ראַנגלענישן, אַראָפּגענידערט אין די טיפענישן פון דער פאַרגאַנגנהייט, אין די אַלטע וועלט פון דער תנכישער פּאָעזיע, כדי פון דאָרטן צו ברענגען סיי פאַר זיך און סיי פאַר זיין דור דעם קינסטלערישן תקון. זיין טעטראַלאָגיע „יוסף און זיינע ברידער“ איז אַ קלאָרער אָפּנויג פון דער באַנקראָטער אייראָפּעישער קולטור פון די דרייסיקער יאָרן מיט די מעשים תעתועים פון אַ מאָראַליש פונאַנדערפאַלענדיקער געזעלשאַפט.

„טיף איז דער ברונעם פון דער פאַרגאַנגענהייט“, מיט אָט די ווערטער הויבט מאַן אָן דאָס פאָרשפּיל פון זיין גרויסן יוסף־ראָמאַן. אין דעם דאָזיקן טיפן ברונעם האָט ער זיך אָנגעשטויסן אין דעם וווּנדערלעכן אַלטן, תנכישן מיטאָס פון די אבות, דעם אורקוואַל פונעם יידישן פאָלק, וואָס מאַן זוכט יעצט צו געבן אַ נייעם פירוש און אַ פרישן אינהאַלט. דער אבות־מיטאס, אַזוי ווי ער ווערט איבערגעגעבן אין דער תורה, איז פאַר מאַנען די מענטשלעכע אור־נאָרמע, דער סאַמע אָנהויב פון מענטשלעכן געזעץ, פון אַ מאָראַלישער אָרדענונג אין דער געזעלשאַפט, וואָס די אַנטיקע יידישע צייט האָט אַוועקגעשטעלט ווי אַן עקשטיין ביים באַגינען פון דער מענטשלעכער געשיכטע. פון אָט די סודותפולע טיפענישן פון יענער גרויער, ווייטער פאַרגאַנגענהייט, כשופט אונדז מאַן אַרויס אַ נייע, לעבעדיקע וועלט, פול מיט אחדות און קולטור־שלמות, וואָס דאַרף זיין אַ וועגווייזער פאַר די היינטיקע דורות. דורך דעם עבר רעדט מאַן צו זיין דור. אין דער תקופה פון יוספן אין מצרים זעט ער די זעלביקע פּראָבלעמען און סתירות פון דער היינט־צייט. עס איז אַ מצב פון ערב ירידה פון אַ גרויסער ציוויליזאַציע. מצרים פון פרעה־אַכנאַטאָן מיט אַ רייכער, איבעררייפער און

מידער קולטור, שטייט אויפן ראַנד פון אָפּגרונט. די אינעווייניקסטע סתירות ווערן אַלץ בולטער. די געזעלשאַפט, ווי אונדזער היינטיקע, פאַרמאָגט אַ סך גייסט, אָבער ער איז שוין דעקאַדענט. עס איז שקיעה־צייט ווי ביי אונדז אין אייראָפּע. נאָר אין דער פּערזאָן פון אַ יוספן האָט מאַן דערזען און קלאָר אויסגעאַרבעט אויף אַ ברייטער עפּישער קאַנווע די תנכישע אייניקייט פון גייסט און לעבן.

דער זון פון דער תקופה פון דער בליצייט פונעם דייטשן בירגערלעכן ליבעראַליזם, מיט זיין גלאַנץ און פּאָמפּ, וואָס האָט שוין ביים סוף פונעם 19־טן יאָרהונדערט אין זיך געטראָגן די קערענדלעך פון דעקאַדענץ און סטערילעטעט, אָט דער גרויסער זון פונעם דייטשן פאָלק, האָט אונדז אין אַ צייט פון טיפער גייסטיקער נויט און שווערע קריזיס־יסורים געגומען אַריבערפירן אין אַ נייע צייט, וואָס פירט פון דער וויטער פאַרגאַנגענהייט אין די קעגנוואַרט און צוקונפט. עס איז דער וועג צו אַ נייעם הומאַניזם, וו די סתירה צווישן גייסט און מאַטעריע, צווישן דער מאָראַלישער און אמאראלישער וועלט איז געוואָרן קינסטלעריש איבערגעקומען.

טאָמאַס מאַן איז בעצם געווען אַ שטאַרקע מאָראַלישע פּערזענלעכקייט. ווי אַלע גרויסע גייסטער איז ער געווען אומפשרהדיק, אומדערשראָקן און זיך נישט געבוקט צו דער פיזישער, ברוטאַלער מאַכט. אַ שטאָלצער, אין זיך אַ געפּעסטיקטער, האָט ער אויפגענומען זיין קאַמף קעגן זיין אייגן פאָלק, בעת די נאַציפינסטערניש האָט באַדעקט גרויסע טיילן פון אייראָפּע. זאָגט ער דאָך אַליין אויף אַן אַרט, אַז „די צייט פון קאַמף קעגן היטלער, איז געווען אַ גוטע צייט פאַר דער מאָראַל״. זיינע רעדעס צום דייטשן פאָלק, וואָס האָבן זיך אין משך פון די פינצטערע מלחמה־יאָרן געטראָגן ווי פרייהייט־גלאָקן איבער די ראַדיאָכוואַליעס פון אַמעריקע, זענען געווען נישט נאָר אַ טרייסט פאַר די געפּייניקטע און געשענדעטע אין אייראָפּע, נאָר אַ שטאָלצע אויפמונטערונג פאַר אַלע, וואָס זענען געשטאַנען אין אַ שווערן געראַנגל מיט די שטן־כוחות פון דער נאַציהערשאַפט. זיי זענען אַ באַשיינפּערלעכע עדות פון אַ גרויסן גייסט, פון אַ הומאַניסט און אייראָפּעער, וואָס האָט אומדערשראָקן געקעמפט פאַר דעם אידעאַל פון מענטשלעכער פרייהייט אין דער וועלט.

* * *

אַלס אַזעלכער, אַ נישט־געבויגענער, אַ שטאָלצער און ערלעכער מענטש, אין זיין גאַנצן גייסטיקן שעור־קומה שטייט טאָמאַס מאַן פאַר מיינע אויגן פון מיין לעצטן באַזוך ביי אים אינעם פאַרגאַנגענעם יאָר. זיין צניעות און עניוות האָבן עדות געזאָגט אויף זיין מענטשלעכער גרויסקייט. כאַראַקטעריסטיש דערפאַר איז מאַנ׳ס ענטפער צו מיר אויף מיינעם אַ בריוו צו אים אין צירין אין דעצעמבער 1952. איך בין דעמאָלט גראד געווען אין ציריך און האָב אים געוואָלט באַזוכן. זיין ענטפער איז דאַטירט פון 18־טן דעצעמבער 1952 און געשריבן מיט דער האַנד (אַפילו דער קאָנווערט איז פון אים געווען אַדרעסירט מיט דער האַנד). ער שרייבט מיר, אַז ער האָט זיך געפרייט מיט מיינע עטלעכע



שורות, און פאָרט וועט עס אים ליידער זיין אוממעגלעך מיך יעצט צו זען, ווייל ער פילט זיך גראד נישט מיט אַלעמען. ער האָט אויך גראד געהאַלטן ביים אַריבערציען זיך פון ציריך קיין ערלענבאַך (אַ שטעטל אויפן ציריכער אָזיערע, אַ צוואַנציק מינוט מיט דער באַן פון ציריך וו מאַן האָט געוווינט ביזן סוף פון 1954). איך וועל דאָך מסתמא באַלד ווידער זיין אין ציריך, זאָגט ער אין זיין בריוו, „דעמאָלט וועט איר זיין אין ערלענבאַך האַרציק ווילקאָמען״. ביי שפּעטערדיקע געלעגנהייטן האָב איך נאָך געהאָט פון אים עטלעכע ידיעות, אָבער עס איז מיר נישט אויסגעקומען אים צו זען פריער פאַרן פרילינג 1954, בשעת מיין אויפענטהאַלט אין ציריך, צוריק קומענדיק פון ארץ־ישראל. אגב האָט ער אויך געוואָלט אָפּנעמען אַ געריס פון לעבן אין מדינת ישראל, און אַזוי האָט ער מיך פאַרבעטן אין אַ שיינעם פרילינג־נאָכמיטיק צו זיך אַהיים, קיין ערלענבאַך.

עס איז געווען דינסטיק, דעם 16־טן מערץ 1954, אין אַ פרישן, זוניקן נאָכמיטיק, ווען איך בין אַרויסגעפאָרן פון ציריך קיין ערלענבאַך צו מאַנען. גייענדיק באַרג־אַרויף צו מאַנ׳ס הויז איבער די פון דער ערשטער פרילינג־זון באַגאָסענע געסלעך פון דעם געמיטלעכן שווייצער שטעטל, האָב איך מיר כסדר איבערלעגט, וועגן וואָס מיט אים בעיקר צו רעדן. זאָל איך באַרירן די פראַגע פון יידן און ארץ ישראל, רעדן מיט אים וועגן די פּראָבלעמען פון יידן און דייטשלאַנד, אָדער גאָר וועגן זיינע ליטעראַרישע פּלענער און אַרבעטן. אין דער שטילקייט פון די געסלעך האָב איך מיר מסדר געווען אַ ריי פראַגן, וועגן וועלכע איך האָב מיט אים געוואָלט רעדן און הערן זיין מיינונג.

ביי דריי אַזייגער נאָכמיטיק בין איך געשטאַנען פאַר דעם הויז, וואָס איז געלעגן אויפן רוקן פון באַרג מיט אַ פּרעכטיקן אויסקוק אויפן ציריכער אָזיערע. אַריינקומענדיק אין מאַנ׳ס באַשיידענער אָבער געמיטלעכער וווינונג, וואָס האָט געשמעקט מיט זאַטער אָרדענונג און יוסטער בעל־הביתישקייט, האָב איך פלורצים דערפילט אַזאַ אינעווייניקסטע רו, אַז איך האָב מיט אַמאָל אויפגעהערט צו טראַכטן, וועגן וואָס מיט אים צו רעדן. דער שמועס וועט שוין קומען פון זיך. בעסער אים הערן רעדן, וועגן דעם בין איך דאָך צו אים געקומען.

אַזוי איז עס אויך געווען. אינעם עס־צימער מיט זיינע העלע בידערמייערמעבעל, האָט שוין זיין פרוי קאַטיא אויף מיר געוואַרט. אַריינקומענדיק, האָט זי מיך באַלד אַרומגענומען מיט אַ פריינטלעכן בליק און גיך מיט מיר אָנגעקניפּט אַ שמועס. מען האָט אַוועקגעשטעלט קאַווע און ליקער אויפן טיש, צו דריי טעפּלעך און דריי גלעזלעך, — סאַליד און בעל־הבתיש. אין עטלעכע מינוט אַרום איז אויך מאַן אַריינגעקומען. אין זיין טונקעלן נאָכמיטיק־אנצוג מיט אַ געשפּרענקעלטער שלייף פאַרבונדן אין זיין העמד, איז פאַר מיר געשטאַנען נאָך עפּעס גאָר אַ יוגענטלעכער מענטש, אַ פרישער, לייכט אין זיינע באַוועגונגען, אַ גראַדער, מיט אַ צעשטראַלט פּנים, וואָס האָט אויסגעדריקט אַזויפיל פריינדשאַפט און מענטשלעכע גוטסקייט, וואָס האָט דעם פרעמדן תיכף געמאַכט פילן היימיש און נאָענט. אַזוי זעט נישט אויס אַ זקן קרוב אַכציק! אַז מען וואָלט מיך

דעמאָלט געווען געפרעגט, עפּעס אַזוי כלאחר יד, נישט איבערלעגטערהייט, ווי אַלט איז מאַן, וואָלט איך געווען אין אַ גרויסער פאַרלעגנהייט. אַזוי זען נאָר נאָר אויס גייסטיקע מענטשן אין זייער פולער צייטיקייט.

אַ וואַרימער דרוק פון דער האַנד און שוין זיצן מיר זאלבעדריט און שמועסן פריינדלעך, ווי אַלטע פריינד, וואָס האָבן זיך ערשט צעשיידט מיט אַ קורצער צייט צוריק. אָפּט וואַרפט זי, פרוי קאַטיא, אַריין אַ קלוגע באַמערקונג. זי קען און פאַרשטייט אַ סך, זי איז אינטעליגענט, גייסטיק־שאַרף, עפּעס דאָך אַן אשת חבר. קום איך דאָך צוריק פון מדינת ישראל. רעדן מיר טאַקע וועגן יידן און דער מדינה. מאַן איז שטאַרק אינטערעסירט. ער פרעגט מיך וועגן מיין אַרבעט און וואָס איך שרייב. איך דערצייל אים בקצור פון מיין ציוניסטישער אַרבעט, וועגן דער נויטווענדיקייט צו מאָביליזירן גרויסע פאָנדן פאַרן אויפבוי פון לאַנד. דאָס יידישע פאָלק איז דאָך געוואָרן אַ סוווערענע מלוכה און די פּראָבלעמען זיינען טאַקע שווערע. מאַן הערט זיך גענוי צו. ער שמייכלט. ער, דער אַדלער, קוקט אויף דעם אַלעם פון זיין אָלימפּישער הויכקייט. ער רעדט אָפן, נישט־קאָנווענציאָנעל און אָביעקטיוו (אפשר פאַר אונדז יידן אַ ביסל צו אָביעקטיוו. זענען מיר דאָך יידן אַ פאָלק, אַ מנוסה מיט ליידן, אַרט דאָס אונדז אפשר מער) וועגן נאַציאָנאַליזם בכלל און וועגן יידישן נאַציאָנאַליזם בפרט. ער האָט פאַר אים שטאַרק מורא, הגם ער פאַרשטייט אים. איז ער דאָך אַן אויסדרוק פון דער צייט, פון די שווערע און שרעקלעכע איבערלעבענישן פון די לעצטע יאָרן. עס איז דאָך אַזוי מענטשלעך!

ער פרעגט זיך אויס און איך דערצייל אים צוביסלעך וועגן די פּראָבלעמען פון אויפבוי און עליה, די שוועריקייטן פון אבסאָרבירונג, די פּראָבלעמען פון די פאַרשיידענע קולטורן, די כל המיני עדות און שבטים. עס איז דאָך קבוץ־גליות, יידן קומען פון אַלע עקן וועלט צו זיך אַהיים. טאָמאַס מאַן מיינט, אַז יידן האָבן אויף זיך גענומען אַ שווערן און אחריותפולן עול, דעם עול פון מדינה. וועלן זיי נישט געשטרויכלט ווערן? ער דערמאָנט דעם געדאַנק פון אתה־בחרתניזם, ער טראָגט אין זיך אַ סך סכנות פאַר דער נשמה פון פאָלק. נאַטירלעך האָבן אויך אַנדערע פעלקער זייער אתה־בחרתנו גלויבן, זאָגט ער. און פרוי קאַטיא וואַרפט אַריין: „אויך די דייטשן האָבן זייער פוסטע גאווה". איך מאַך אויפמערקזאַם אויף די נביאישע קאָנצעפּציע פון אויסדערוויילטקייט, עס איז אַ בחירה דוקא צו שווערע פליכטן און נאַציאָנאַלע אויפגאַבן פון פאָלק, און נישט גראַד אַ געפיל פון פוסטער, נאַציאָנאַלער גאווה. איך דערמאָן די ווערטער פונעם נביא עמוס (ט"ז), אַז יידן זיינען גאָרנישט בעסער ווי די שוואַרצע, די כושים. יידן האָט גאָט אַרויסגעצויגן פון מצרים, די פלשתים פון כפתור און אדם פון קיר. יידן זענען אין דעם פרט פאַר גאָט נישט קיין גרעסערע יחסנים פון די אַנדערע פעלקער.

מאַן רעדט געלאַסן, נאָר פון צייט באַטאָנענדיק אַ באַליבטן געדאַנק. ער היצט זיך נישט. ער זיצט רויק, און זיינע קלוגע אויגן שטראַלן אַזויפיל חכמה און צייטיקייט. גיכער הערט ער זיך צו, איידער אַליין צו רעדן. ער איז אינ־



טערעסירט, ווייל וויסן, וואָס עס טוט זיך אין דער יידישער וועלט. מאַן רעדט ווידער אַמאָל וועגן דעם פּראָבלעם פון יידישן נאַציאָנאַליזם, אפנים דאָס באַשעפטיקט אים גאָר שטאַרק. יאָ, דער נאַציאָנאַליזם איז נישט תמיד אין הסכם מיט די עיקרים פון יידנטום, מיט „דעם גרויסן הומאַנעם אידעאַל פון יידישן פאָלק". ער רעדט אינטים און וואַרים. ער איז באַאומרויקט וועגן די אייביקייט־ווערטן פון יידישן פאָלק. וועלן זיי נישט אָנווערן אינעם טאָג־טעגלעכן פּאָליטישן קאַמף מיט זיינע סתירות און פשרות? וועט „שטאַט־רעזאָן" שטיין העכער פאַרן קיום פונעם יחיד?

דער געדאַנק פון נאַציאָנאַליזם פירט אונדז ווייטער אַוועק צו רוסלאַנד. ער רעדט וועגן דעם פענאָמען רוסלאַנד, די פאַרשיידענע פעלקער, וואָס לעבן דאָרט און זייערע קולטורן, דאָס פּראָבלעם פון אַמאַלגאַמאַציע. ער באַציט זיך צו רוסלאַנד מיט פאָרזיכט. עס איז אָבער פאָרט „אַ גרויסע זאַך", פירט ער אויס. ער רימט באַזונדערס דאָס בוך פון דיסטעלבארט „רוסלאַנד הויטע", וואָס איז ערשט נישט לאַנג געהאַט דערשינען אין דייטש. אליבא דאמת, לעבט אינעם היינטיקן רוסלאַנד ווייטער דער געדאַנק פון דער רוסישער שליחות צו דער וועלט פון די פּאַנסלאַוויסטן פונעם 19־טן יאָרהונדערט. מיר רעדן וועגן די פּאַנסלאַוויסטישע מיסטיקער ווי סאָלאָוויאָוו, כאָמיאַקאָוו, דאָסטאָיעווסקי א.א. יאָ, דער אינהאַלט איז געבליבן דער זעלביקער, געענדערט האָט זיך נאָר די פאָרעם, דער אויסערלעכער לבוש.

מיר איז געווען אינטערעסאַנט צו הערן מאַנ'ס מיינונג וועגן יידיש. איך האָב אים דערמאָנט, אַז ער איז אַמאָל געווען אַ באַוואונדערער פון אַ ריי יונגע יידיש־דיכטער. עס ווייזט זיך אַרויס, אַז היינט ווייס ער וועגן יידיש נישט קיין סך. ער דערמאָנט די אַלטע עלעמענטן פון דייטש אין יידיש און גיט צו, „עס איז אַ פאַרדאָרבענעס דייטש". ניין, צו דער פאָרמולע האָב איך אָבער נישט געקענט מסכים זיין. איך האָב אים אויפמערקזאַם געמאַכט אויף דעם פּראָצעס פון דער יידיש־אויספאָרעמונג אַלס שפּראַך, זיין אַנטוויקלונג אין דער סלאַווישער סביבה און דעם גרויסן קולטור־ווערט פון יידיש אַלס לשון פאַר די מיליאָנען יידיש־רעדנדיקע.

און ווידער זענען מיר צוריקגעקומען צו דעם פּראָבלעם פון יידישן נאַציאָנאַליזם. דער דיכטער פון דעם וווּנדערלעכן יוסף־ראָמאַן מיט זיין קאָנצעפּציע וועגן פאָלק און גייסט, קען אפנים נישט שלום מאַכן מיטן געדאַנק פון אַ ניי־דערוואַכטן יידישן נאַציאָנאַליזם. ער רעדט מיט וואַרימקייט וועגן דעם פּאַציפיסט האַדריאַן אויפן רוימישן טראָן אינעם 2־טן יאָרהונדערט פון אונדזער היינטיקער צייט. די יידן, מיינט מאַן, האָבן אים נישט פאַרשטאַנען, זיי האָבן זיך אים אַנטקעגנגעשטעלט. „די יידן", זאָגט מאַן, „זענען דעמאָלט געווען האַרט און פאַרגליווערט, זיי האָבן זיך ביי קיין שום אופן נישט געוואָלט אַריינגלידערן אין דעם גרויסן רוים". איך פּרוּב אים צו באַווייזן די אמתע כוונות פון האַדריאַנען, זיין צוזאָג אויפצובויען ירושלים און דעם בית־המקדש. האַדריאַן האָט אָבער זיין הבטחה נישט געהאַלטן. אדרבא, ער האָט גענומען אויסבויען אויפן

אָרט פונעם חורבן ירושלים אַ נייע רוימישע שטאָט „עליא קאַפּיטאָלינא". דאָס איז געווען אַ פּאַטאַלער קלאַפּ פאַר די נאַציאָנאַלע האָפענונגען פון יידישן פאָלק. דאָס פאָלק האָט רעבעלירט און עס איז אויסגעבראָכן דער בר־כוכבא אויפשטאַנד. אָבער פאַר מאַנ'ען זענען ריינע נאַציאָנאַל־פּאָליטישע מאָמענטן, ווי וויכטיק זיי זאָלן נישט זיין, נישט אַנטשיידענדיק אינעם לעבן פון אַ פאָלק ווי יידן. די אַנטיקע צייט, זאָגט מאַן, האָט געהאַט צוויי גרויסע קיסרים־הומאַניסטן, דער איינער אַנטיאָכוס דער פערטער, אויפן טראָן פון סיריע און שפּעטער האַדריאַן אויפן טראָן פון רוים. די יידן האָבן געהאַט אַ געלעגנהייט זיך איינצוגלידערן אין דער גרויסער וועלט־קולטור. ביידע מאָל האָבן זיך די יידן אָפּגעזאָגט. ער, אַלס אַ הומאַניסט באַדויערט דאָס. מיר יידן אָבער ווייסן, וואָס אָט די אינטעגראַציע אין דער גריכישער אָדער שפּעטער אין דער רוימישער קולטור וואָלט באַטייט. די השמונאים פון איין זייט און דער מרד בר־כוכבא פון דער אַנדערער זייט האָבן געגעבן זייער היסטאָרישע תשובה.

מאַן רעדט נאָך ווייטער וועגן יעזוסן. אין אים זעט ער אַן אמתן ייד. ערשט פּאולוס האָט אַריינגעטראָגן דעם פּירוד און געשאַפן להלכה דאָס קריסטענטום, וואָס איז געוואָרן פיינדלעך צו יידן. איך דערמאָן ביי דער געלעגנהייט אַש'ס קריסטאָלאָגישע ראָמאַנען. יאָ, דערמאָנט זיך מאַן, אַש איז ביי זיי אָפּט געווען אין קאַליפאָרניע און זיך ביטער באַקלאָגט אויף די „יידישע רדיפות", וואָס ער האָט אויסצושטיין. זיינע ראָמאַנען האָט ער ניט געלייענט, אפשר נאָר „פּאולוס".

מיר קומען צו צו מער קעגנוואַרט־פּראָבלעמען. מיר שמועסן וועגן דער לאַגע אין דער וועלט, די באַוואָפענונג און אירע סכנות. מאַן איז באַזאָרגט מכח דעם פּאָליטישן מצב אין דער וועלט. אים געפעלט לגמרי נישט די יעצטיקע אַמעריקאַנער פּאָליטיק און די באַוואָפענונג פון דייטשלאַנד. „ניין", זאָגט ער מיט איבערצייגונג, „איך האָב לחלוטין נישט ליב אַדענאַוערס מערב־דייטשלאַנד".

צוויי מאָל, דערציילט ער מיר, און זיין שטים ווערט ווייכער, אינטימער און זיינע אויגן גלאַנצן מיט אַ פאַרבאָרגענער פרייד, איז ער געווען אין ארץ־ישראל. דאָס לעצטע מאָל אין 1930. ער האָט באַזוכט יריחו, בית־לחם, תל־אביב. עס איז געווען פאַר אים אַ קוואַל פון באַגייסטערונג. דאָרט האָט ער אויך געזען צווישן די יידן „געזונטע, קערנדיקע מענער, אַזעלכע, וואָס מיר זען גאָרנישט אין אייראָפּע", מיינענדיק נאַטירלעך מערב־ אייראָפּע, ווייל מזרח־אייראָפּע האָט דאָך מאַן בכלל נישט געקענט. איך דערצייל אים אגב וועגן מיין לעצטן באַזוך אין סדום (ביים ים המלח). עס איז אַ שירה פון יידישער אַרבעט. די באַדינגונגען זענען שווער, דאָס לעבן איז האַרט, אָבער נישט געקוקט אויף די אַלע מכשולים, די מענטשן פאַרוואָרצלען זיך טיפער אינעם באָדן, עס גייט אויף אַ ניי לעבן. דאָס לאַנד איז מעוברת מיט גרויסע צוקונפט־מעגלעכקייטן. מאַן הערט זיך אויפמערקזאַם צו. ער איז אינטערעסירט, ער וואָלט נאָך אַ סך וועלן הערן. עס איז אָבער שוין געוואָרן שפּעט און איך האַלט ביי גיין.

עס איז געווען אַ הערלעכער פרילינג־נאָכמיטיק. דורך די האַלב־אָפענע פענצטער האָט זיך אַריינגעריסן שפּעדיק אַ מילדע פרילינג־זון, וואָס האָט געגלעט און געוואַרימט. אַ פרידלעכע שטילקייט איז געלעגן אויסגעשפּרייט אויף דעם גאַנצן באַרגיקן אַרום. מאַן איז געזעסן און גערעדט און אַ סודותדיקער גלאַנץ האָט בעת מעשה געשטראַלט פון זיינע פקחותדיקע אויגן. האָט זיין גייסט ווידער אַמאָל געגומען זוכן אין די טיפענישן פון דער פאַרגאַנגענהייט אַ נייעם דרך, אַ נייע סינטעזע צווישן נאַטור און גייסט, מענטש און פאָלק? ער, דער גרויסער אייראָפּעער, איז בלי ספק געשטאַנען אויף „יענער זייט" פון די גרעניצן פון פעלקער און לענדער, פריי פון יעטווידע נאַציאָנאַלע ליידנשאַפטן און נאַציאָנאַליסטישע געפילן. זיין הומאַניטעט איז געווען ערלעך, טיף, פנימיותדיק. זיין פּאַטאָס האָט געקלונגען עכט און איבערצייגנדיק.

דער זייגער האָט געוויזן האַלב פינף. אַנדערטהאַלבן שעה פאַרבראַכט אין דער געזעלשאַפט פון אַ זעלטענעם מענטש און אַ גרויסן שרייבער. וואָס פאַר אַ דערפרישונג פאַרן גייסט! איך שטיי אויף, ער דריקט מיר האַרציק די האַנט און זאָגט מיט אַ ליבלעכן שמייכל צו מיר: „מיר האָבן זיך געצאַנקט, אָבער מיר האָבן אונדז פאָרט פאַרשטאַנען!" יאָ, זאָגט ער צו מיר, מיך אַרויסבאַגלייטנדיק צו דער טיר, מען האָט די דייטשן פאַרדאָרבן (דייטש: פערפעפלט) און ער קען זיי נישט ליידן, דערפאַר טאַקע האָט ער זיך באַזעצט אין ציריך, און מיט אַ שמייכל גיט ער צו: „איך בין נאָך אַן אַמעריקאַנישער בירגער, אָבער נישט פון איבערצייגונג". שוין ביי דער טיר, רופט ער מיר צו מיט אַן אינטימער פריינדשאַפט, האַלטנדיק נאָך מיין האַנט אין זיינער: „בכן, דאָס קומענדיקע מאָל, ביי אונדז אויפן קילכבערג! מאַן האָט זיך סוף יאָר דאָרט אַהין אַריבערגעצויגן, אָבער איך האָב אים שוין ליידער מער נישט געזען.

## דר. נח באַרו ע"ה



מיטן שטאַרבן פון דר. נח באַרו איז פאַרשוואונדן אַן אַקטיוו־געזעלשאַפטלעכע און אינטעלעקטואַלער פערזענלעכקייט אינם לאָנדאָנער יידישן ישוב.

אין זיין יוגנט אין רוסלאַנד איז ער געווען איינער פון די אָנגעזעענע אַרבעטער פירער און טעאָרעטיקער, וואָס האָבן פאַרבונדן דעם ציוניזם מיט מאַרקסיזם. דאָ אין לאָנדאָן איז ער געווען איינער פון די יידישע מנהגים, און דער שאַפער פונם יידישן וועלט קאָנגרעס, וועלכע עס איז געלונגען צו פאַרבינדן דעם מערב אייראָפּעאישן ייד מיטן מזרח ייד. דער קאַבינעט מענטש, 5אָס ער איז תוך געווען, איז געווען אַ מערוב בין הבריות.

ד. ר.

## *יוסף ראלניק ע״ה

דער באַקאַנטער יידישער דיכטער, וועלכער געהערט נאָך צו די קלאַסיקער פונם יידישן ליד, צום אברהם רייזין־דור, צו די ראשונים אויפן אַמעריקאַנישן באָדן, וואָס האָבן געשליפן דעם יידישן פערז און דערפירט דאָס יידישע ליד צו דער שטופע פון הויכער קונסט, איז זאַט אין יאָר און זאַט אין מי־פולער אַרבעט געשטאָרבן פאַרגאַנגענעם חודש.

*אין אַ קומענדיקן נומער וועט קומען אַן אויספירלעכרער אַרטיקל איבער יוסף ראַלניקס לעבנס אַרבעט און זיין וויכטיקן צושטייער צום אוצר פון דער יידישער דיכטונג.

מיר דרוקן אָפּ די פּאָעמע יוסף ראָלניקס „אין ראָטשילדס הויף״, אַרויסגענומען פון זיין אויטאָביאָגראַפישן ציקל לידער „אַ געשטאַלט״, ווו עס מערקט זיך דייטלעך אָן זיין ווינען דאָ אין אונזער ווייטשעפל. ד. ר.

### יוסף ראָלניק

### אין ראטשילדס הויף

עס איז מיר גראד היינט אויפן זינען אַרויף
אַ ווינטער־טאָג אין ראָטשילדס הויף,
אין טויזנט ניין הונדערט און פינפטן יאָר:
פענצטער פאַרשטויבטע, אַ קאַלטער קאַמין,
אַ קישן געשטאָפּט מיט ציגענע האָר,

אַ שטול און אַ לאָמפּ און אַ ניי־מאַשין.
און אויף דער מאַשין האָט בייטאָג דער לאָמפּ געברענט
אום וואַרעם צו האַלטן מיינע הענט.
— — — — — — — — — — — — — —
אַ גאַנצן ווינטער אָן אַ גליאיקן פונק,
אַ גאַנצן ווינטער אָן אַ וואַרעמען טרונק.

מיין עסן איז געווען קאַלטע וואַסער מיט ברויט,
אַזוי ווי דאָס עסן פון אַרעסטאַנט אויף דער קייט.
ניין אין דער פרי בין איךביים מאַשין שוין געזעסן
און מיטן פולן מויל אַ חלה געגעסן,
און כדי דעם מאָלצייט צו פאַרזיסן
האָב איך מיט אַ שטיקל צוקער צוגעביסן.
אינמיטן טאָג האָב איך דעם מאָלצייט באַנייט
מיט אַ גלאָז פרישע וואַסער פון קאַלטן קראַן.

ביינאַכט נאָך דער אַרבעט, ווידער אום ניין,
פלעג איך אַרויסגיין אויף דער ברייטער גאַס
און אָפּשטעלן זיך ביי פענצטער פון רעסטאָראַנען,



ווו קאַטשקעס און גענז האָבן זיך געבראָטן אין פאַנען,
אונטערגעשפּאַרטע מיט בלוילעכע פלעמלעך גאַז,
און זעטיקן די אויגן און שפּיץ פינגער אויך
צורירנדיק זיך צום שויב מיט דעם וואַרעמען הויך.
געווען אויף אַ נאָענטער גאַס אַ פאַבירק פון טשאָקאָלאַד,
פון די קעלער פענצטער איז אויפגעגאַנגען אַ זיסער טשאַד,
פלעג איך, האַלב דורכגעפרוירן און האַלב פאַרשמאַכט,
דאָרט שטיין מיט אַן אָפן מויל ביז האַלבער נאַכט.
אויגן און נאָז און שפּיץ־פינגער זאַט —
האָב איך מיין דריטן מאָלצייט געהאַט.

---

### ש. י. דאָרפזאָן

## פאַרשפעטיקטע רעצענזיעס וועגן צוויי ביכער

### 1. „אונטערן ישראל הימל״, פון אברהם ווייסבוים

מיט עטלעכע וואָכן צוריק, האָב איך געקראָגן צוגעשיקט צוויי יידישע ביכער וואָס זיינען דערשינען, איינס, מיט אַ יאָר צוריק אין מעקסיקאָ, און דאָס צווייטע — מיט איבער צוויי יאָר צוריק אין אַרגענטינע. נישט געקוקט אויף זייער אַזוי־גערופענער „אַלטקייט״, איז זייער אינהאַלט פריש און צאַפּלדיק־אַקטועל און מען לייענט זיי מיט אַ ממש פאַרכאַפּנדיקן אָטעם. איבעריקנס, ווי זאָגט אַ ווערטל: „אַלטער ווייַן איז תמיד גוט״.

„אונטערן ישראל הימל״, איז באַטיטולט דאָס בוך רייזע־באַשרייבונגען פון דעם מעקסיקאַנער יידישן שרייבער אברהם ווייסבוים, וועלכער האָט אין יאָר 1953 פאַרבראַכט אין מדינת ישראל אַ קורצע צייט, אינגאַנצן לערך פיר וואָכן, אָבער געזען האָט ער דאָרט גאָר אַ סך, פיל מער ווי איינער, וואָס וווינט אין לאַנד זינט יאָרן.

רייזע־באַשרייבונגען זיינען ביז־גאָר דאַנקבאַרע טעמעס פאַר אַ שרייבער. עס האַנדלט זיך בלויז אין דעם אופן, ווי־אַזוי דער שרייבער זעט און כאַפּט אויף דאָס לעבן און דעם ריטם פון דעם באַטרעפנדען לאַנד; ווי אַזוי זיין שאַרף אויג און די געפילן דרינגען אַריין אין דעם קאָמפּליצירטן לאַבירינט פון די כל־ערליי ז׳אגות און פּראָבלעמען — פּאָליטישע, עקאָנאָמישע, סאָציאַלע און קולטורעלע, וואָס זיינען טאָג־טעגלעכע באַגלייט־דערשיינונגען פון אַזאַ יונג, (אַלט־ניי) לאַנד, ווי ס׳איז אונדזער מדינת ישראל.

אברהם ווייסנבוים האָט אין משך פון דער קורצער צייט, דורכגעשפּרייזט די וויכטיקסטע טיילן פונם לאַנד; ער איז געווען אין די פאַרשיידנסטע שטעט, קיבוצים און נקודות; גערעדט מיט די סאַמע גדולים און מיט די פּשוטסטע מענטשן פונם פאָלק, כדי מער־ווייניקער זיך צו באַקענען מיט דעם אַלזייטיקן לעבן פון דעם זיך בויענדיקן, מיט אַ ממש דינאַמישן טעמפּאָ יידישן לאַנד.

דער מחבר פון דעם בפירוש אינטערעסאַנטן בוך באַמיט זיך, אַזוי צו זאָגן,

צו זיין „נייטראַל“ צו דעם, וואָס ער האָט דאָרט געזען. פרעגט זיך: צי קען אַ באמת פאַרליבטער מענטש זיין „קאַלטבלוטיק נייטראַל“ צו אונדזער יידיש לאַנד? צי קען מען זיין נייטראַל צו דער שיינקייט פון דעם ליכטיקן ישראל הימל, צו די באַגרינטע פעלדער און לאַנקעס, צו דער ראָמאַנטישקייט פון דער פראַכטיקער ישראל־פּאַנאָראַמע, צו דער שבתדיקער רחניותדיקייט אין די שטעט און דערפער, וכדומה? ניין. ס׳וואָלט געווען אַ חטא, ממש, צו זיין „נייטראַל“ צו די צאַפּלדיקע נשמה־געפילן וואָס באַהערשן אונדזערן אַ יידישן ייד, ווען ער באַזוכט דאָס יידישע לאַנד.

אברהם ווייסבוים קריטיקירט נישט געוויסע נעגאַטיווע פאַקטן און דערשיינונגען, וואָס האָבן, אַלס אַ פּועל־יוצא פון כל־ערליי סיבות און אומשטענדן, זיך פאַרפּליישט מיטן לעבן פון דער ישראלדיקערווירקלעכקייט. נישט דאָס איז דעם מחבר׳ס אויפגאַבע — צו משפטן זאַכן, וואָס זיינען (ווי שייך) אפשר נישט געווען אין הסכם מיט דעם, וואָס ער האָט דאָרט געזען און געהערט, נייערט צו דערציילן (דערצו נאָך אין אַ זאַפּטיק מחיהדיקן יידיש), און דאָס האָט זיך אים איינגעגעבן אויף אַ באמת גלענצנדיקן אופן.

„אונטערן ישראל הימל“ וואָלט איך, אָן שום באַוואָרענישן, רעקאָמענדירט אַלס אַ מין האַנט־בוך פאַר יעדן ייד, סיי פאַר דעם, וואָס קלייבט זיך צו פאָרן קיין ישראל ווי אַטוריסט,אוןאוודאי פאַר די יעניקע יידן, וואָס האָבן דערוויל נאָך נישט קיין חשק צו באַזוכן דאָס יידישע לאַנד. זיי וועלן פון דעם בוך זיך דערוויסן גאָר אַ סך זאַכן, פון וועלכע זיי האָבן נישט די קלענסטע השגה.

דאָס שיינע, עסטעטיש אַרויסגעגעבענע בוך (פאַרלאַג „המשך“, מעקסיקאָ), פאַרמאָגט 355 זייטן און איז פאַרזען מיט אַ סימפּאַטישער הקדמה פון דעם באַקאַנטן יידישן דיכטער און עסייאיסט, יצחק בערלינער, וועלכער וווינט אויך אין מעקסיקאָ.

אגב: אברהם ווייסבוים האָט אין יאָר 1947 באַקומען די ערשטע ליטעראַטור־פּרעמיע פון „צבי קעסעל־פאָנד“ אין מעקסיקאָ פאַר זיין בוך „מעקסיקאַנער זיגזאַגן“. אָפּשאַצנדיק דאָס חשובות פון זיין בוך „אונטערן ישראל הימל“ האָט מען די איבערצייגונג, אַז אברהם ווייסבוים פאַרדינט אויך אַ פּרעמיע פאַר זיין איצטיקן בוך.

° ° °

## 2. „איבער 20 לאַטיין־אַמעריקאַנער לענדער“

אַזוי הייסט דאָס בוך רייזע־באַשרייבונגען פון דעם יידישן שרייבער יעקב בעלער, וועלכער איז אַ מיטאַרבעטער אין פאַרשיידענע יידישע צייטונגען און מחבר פון עטלעכע ביכער.

דאָס דאָזיקע בוך איז אַ אינטערעסאַנטע באַשרייבונג פון דעם מחברס אויסטערלישע נסיעות מיט די באַנען, אויף שיפן און איבער די מדבר־סטעפּעס, אָנהויבנדיק פון מעקסיקאָ, דורכשפּרייזנדיק די לענדער גואַטעמאַלאַ, סאַן־סאַלוואַדאָר, ניקאַראַגואַ, קאָסטאַ־ריקע, פּאַנאַמאַ, קאָלומביאַ, ווענעזועלאַ, עקוואַדאָר,



פּערו, טשילי, בראַזיליע, פאַרשטייט זיך, אויך אַרגענטינע, און פאַרשיידענע אַנדערע לענדער פון דעם גרויסן לאַטיין־אַמעריקאַנער קאָנטינענט.

יעקב בעלער, וועלכער האָט אין די פריערדיקע יאָרן געוווינט אין ניו־יאָרק, שפּעטער אין בוענאָס־איירעס (איצט איז ער רעדאַקטאָר פון דער טעגלעכער יידישער צייטונג „יידישער זשורנאַל“ אין טאָראָנטאָ, קאַנאַדע), האָט אויפגעהויבן אַ ריי מיט טשיקאַווע פאָרהאַנגען פון עקזאָטישע בינעס, וועמענס העלדן זענען אונדזערע פאַרוואָגלטע יידן פון פּוילן, גאַליציע, רומעניע אָדער ליטע, וועמען דער עקאָנאָמישער גורל האָט פאַרטריבן פון זייערע אַמאָליקע היימען, כדי אין ז״י לענדער פון לאַטיין־אַמעריקע זיך אויפצובויען נייע עקזיסטענצן.

אין דעם בוך שילדערט דער מחבר נישט בלויז דעם אייגנאַרטיקן לעבנסשטייגער פון די דאָרט־פאַרוואָגלטע יידן, נאָר ער דערציילט אונז אויך די געשיכטע פון די דאָרטיקע לענדער; די פּאָליטישע קאַמפן און קאָנפליקטן פון די פּאַרטייאישע רעדל־פירער; די שטענדיקע רעוואָלוציעס און מרידות פון די גענעראַלן; קאָרופּציעס און אַנדערע אומזויבערע משא־ומתנס.

יעקב בעלער האָט זיך נישט פאַרמאָסטן צו באַשרייבן די געשיכטע פון די יידן, וואָס לעבן צעזייט און צעשפּרייט איבער די צוואַנציק לאַטיין־אַמעריקאַנער לענדער. ער דערציילט בלויז בצמצומדיקע עפּיזאָדן פון זיינע באַגעגענישן מיט אונדזערע יידישע ברידער, וואָס זענען דאָרט פאַרוואָרפן געוואָרן און געבליבן שטעקן, נישט אַהין און נישט אַהער; וועגן זייער בענקשאַפט נאָך די אַמאָליקע יאָרן אין זייערע אייביק פאַרטיליקטע היימען; די נאָגנדיקע זאָרגן און דאגות וועגן דעם אונטערוואַקסנדיקן דור, וואָס ווערט ממש פאַרוויאַנעט אין אַ סביבה פון עם־הארצות, וכדומה.

אין דעם פאַרוואָגלטן יידישן לעבן אין די קליינע לאַטיין־אַמעריקאַנער לענדער, זענען (הגם נישט אַזוי אָפט), פאַראַן אויך ליכטיקע מאָמענטן, ווי למשל, די „יום העצמאות“ פייערונג אין דעם קליינעם מדינהלע פון טרינידאַר, ווען די גאַנצע דאָרטיקע יידישע עדה קומט זיך צונויף, כדי צו פּראַוון דעם יום־טוב ווען ס׳איז פּראָקלאַמירט געוואָרן די זעלבסשטענדיקייט פון דער יידישער מדינה, אָדער ווען עס קומט אַ שליח פון אַ יידישער אינסטיטוציע, צי סתם אַ יידישער גאַסט, דעמאָלט הערשט אַ שטיקל יום־טוב. אָבער אין אַלגעמיין, צאַנקט דאָס יידישע לעבן אין די דאָרטיקע, קלענערע יידישע ישובים, ווי דאָס שוואַכע פלעמל פון אַ זיך אויסלעשנדיקן ליכטל.

ווען מען לייענט איבער דאָס דאָזיקע בוך, נעמט אַרום אַ נאָגענדיקער מיטלייד צו די פאַרוואָגלטע יידן, וועמען דער ביטערער גורל האָט אויסגעשפּיגן אין ווייטע לענדער און שטעט און זיי ראַנגלען זיך מיט עקשנות פאַר זייער קיום און המשך.

דאָס בוך, אַרויסגעגעבן ביים פאַרלאַג „יידיש“ אין בוענאָס־איירעס, אַנטהאַלט 340 זייטן.

בכלל מוז מען מודה זיין, אַז אַלע ביכער, אָן אויסנאַם, וואָס דערשיינען אין

צו זיין „נייטראַל“ צו דעם, וואָס ער האָט דאָרט געזען. פרעגט זיך: צי קען אַ באמת פאַרליבטער מענטש זיין „קאַלטבלוטיק נייטראַל“ צו אונדזער יידיש לאַנד? צי קען מען זיין נייטראַל צו דער שיינקייט פון דעם ליכטיקן ישראל הימל, צו די באַגרינטע פעלדער און לאַנקעס, צו דער ראָמאַנטישקייט פון דער פּראַכטיקער ישראל־פּאַנאָראַמע, צו דער שבתדיקער רחניותדיקייט אין די שטעט און דערפער, וכדומה? ניין. ס'וואָלט געווען אַ חטא, ממש, צו זיין „נייטראַל“ צו די צאַפּלדיקע נשמה־געפילן וואָס באַהערשן אונדזערן אַ יידישן ייד, ווען ער באַזוכט דאָס יידישע לאַנד.

אברהם ווייסבוים קריטיקירט נישט געוויסע נעגאַטיווע פאַקטן און דערשיינונגען, וואָס האָבן, אַלס אַ פּועל־יוצא פון כל־ערליי סיבות און אומשטענדן, זיך פאַרפּליישט מיטן לעבן פון דער ישראלדיקער ווירקלעכקייט. נישט דאָס איז דעם מחבר'ס אויפגאַבע — צו משפּטן זאַכן, וואָס זיינען (ווי שייך) אפשר נישט געווען אין הסכם מיט דעם, וואָס ער האָט דאָרט געזען און געהערט, נייערט צו דערציילן (דערצו נאָך אין אַ זאַפּטיק מחיהדיקן יידיש), און דאָס האָט זיך אים איינגעגעבן אויף אַ באמת גלענצנדיקן אופן.

„אונטערן ישראל הימל“ וואָלט איך, אָן שום באַוואָרענישן, רעקאָמענדירט אַלס אַ מין האַנט־בוך פאַר יעדן ייד, סיי פאַר דעם, וואָס קלייבט זיך צו פאָרן קיין ישראל ווי אַטוריסט, אונאוודאי פאַר די יעניקע יידן, וואָס האָבן דערווייל נאָך נישט קיין חשק צו באַזוכן דאָס יידישע לאַנד. זיי וועלן פון דעם בוך זיך דערוויסן גאָר אַ סך זאַכן, פון וועלכע זיי האָבן נישט די קלענסטע השגה.

דאָס שיינע, עסטעטיש אַרויסגעגעבענע בוך (פאַרלאַג „המשך“, מעקסיקאָ), פאַרמאָגט 355 זייטן און איז פאַרזען מיט אַ סימפּאַטישער הקדמה פון דעם באַקאַנטן יידישן דיכטער און עסייאיסט, יצחק בערלינער, וועלכער וווינט אויך אין מעקסיקאָ.

אגב: אברהם ווייסבוים האָט אין יאָר 1947 באַקומען די ערשטע ליטעראַטור־פּרעמיע פון „צבי קעסעל־פאָנד“ אין מעקסיקאָ פאַר זיין בוך „מעקסיקאַנער זיגזאַגן“. אָפּשאַצנדיק דאָס חשובות פון זיין בוך „אונטערן ישראל הימל“ האָט מען די איבערצייגונג, אַז אברהם ווייסבוים פאַרדינט אויך אַ פּרעמיע פאַר זיין איצטיקן בוך.

° ° °

## 2. „איבער 20 לאַטיין־אַמעריקאַנער לענדער“

אַזוי הייסט דאָס בוך רייזע־באַשרייבונגען פון דעם יידישן שרייבער יעקב בעלער, וועלכער איז אַ מיטאַרבעטער אין פאַרשיידענע יידישע צייטונגען און מחבר פון עטלעכע ביכער.

דאָס דאָזיקע בוך איז אַ אינטערעסאַנטע באַשרייבונג פון דעם מחברס אויסטערלישע נסיעות מיט די באַנען, אויף שיפן און איבער די מדבר־סטעפּעס, אָנהויבנדיק פון מעקסיקאָ, דורכשפּרייזנדיק די לענדער גואַטעמאַלאַ, סאַן־סאַלוואַדאָר, ניקאַראַגואַ, קאָסטאַ־ריקע, פּאַנאַמאַ, קאָלומביאַ, ווענעזועלאַ, עקוואַדאָר,



פּערו, טשילי, בראַזיליע, פאַרשטייט זיך, אויך אַרגענטינע, און פאַרשיידענע אַנדערע לענדער פון דעם גרויסן לאַטיין־אַמעריקאַנער קאָנטינענט.

יעקב בעלער, וועלכער האָט אין די פריערדיקע יאָרן געוווינט אין ניו־יאָרק, שפּעטער אין בוענאָס־איירעס (איצט איז ער רעדאַקטאָר פון דער טעגלעכער יידישער צייטונג „יידישער זשורנאַל“ אין טאָראָנטאָ, קאַנאַדע), האָט אויפגעהויבן אַ ריי מיט טשיקאַווע פאַרהאַנגען פון עקזאָטישע בינעס, ווען מענס העלדן זענען אונדזערע פאַרוואָגלטע יידן פון פּוילן, גאַליציע, רומעניע אָדער ליטע, וועמען דער עקאָנאָמישער גורל האָט פאַרטריבן פון זייערע אַמאָליקע היימען, כדי אין די לענדער פון לאַטיין־אַמעריקע זיך אויפצובויען נייע עקזיסטענצן.

אין דעם בוך שילדערט דער מחבר נישט בלויז דעם אייגנאַרטיקן לעבנס־שטייגער פון די דאָרט־פאַרוואָגלטע יידן, נאָר ער דערציילט אונז אויך די געשיכטע פון די דאָרטיקע לענדער; די פּאָליטישע קאַמפן און קאָנפליקטן פון די פּאַרטייאישע רעדל־פירער; די שטענדיקע רעוואָלוציעס און מרידות פון די גענעראַלן; קאָרופּציעס און אַנדערע אומזויבערע משא־ומתנס.

יעקב בעלער האָט זיך נישט פאַרמאָסטן צו באַשרייבן די געשיכטע פון די יידן, וואָס לעבן צעזייט און צעשפּרייט איבער די צוואַנציק לאַטיין־אַמעריקאַנער לענדער. ער דערציילט בלויז בצמצומדיקע עפּיזאָדן פון זיינע באַגעגענישן מיט אונדזערע יידישע ברידער, וואָס זענען דאָרט פאַרוואָרפן געוואָרן און געבליבן שטעקן, נישט אַהין און נישט אַהער; וועגן זייער בענקשאַפט נאָך די אַמאָליקע יאָרן אין זייערע אויף אייביק פאַרטיליקטע היימען; די נאָגנדיקע זאָרגן און דאגות וועגן דעם אונטערוואַקסנדיקן דור, וואָס ווערט ממש פאַרוויאַנעט אין אַ סביבה פון עם־הארצות, וכדומה.

אין דעם פאַרוואָגלטן יידישן לעבן אין די קליינע לאַטיין־אַמעריקאַנער לענדער, זענען (הגם נישט אַזוי אָפט), פאַראַן אויך ליכטיקע מאָמענטן, ווי למשל, די „יום העצמאות“ פייערונג אין דעם קליינעם מדינהלע פון טרינידאַר, ווען די גאַנצע דאָרטיקע יידישע עדה קומט זיך צונויף, כדי צו פּראַוון דעם יום־טוב ווען ס'איז פּראָקלאַמירט געוואָרן די זעלבסשטענדיקייט פון דער יידישער מדינה, אָדער ווען עס קומט אַ שליח פון אַ יידישער אינסטיטוציע, צי סתם אַ יידישער גאַסט, דעמאָלט הערשט אַ שטיקל יום־טוב. אָבער אין אַלגעמיין, צאַנקט דאָס יידישע לעבן אין די דאָרטיקע, קלענערע יידישע ישובים, ווי דאָס שוואַכע פלעמל פון אַ זיך אויסלעשנדיקן ליכטל.

ווען מען לייענט איבער דאָס דאָזיקע בוך, נעמט אַרום אַ נאָגנדיקער מיטלייד צו די פאַרוואָגלטע יידן, וועמען דער ביטערער גורל האָט אויסגעשפּיגן אין ווייטע לענדער און שטעט און זיי ראַנגלען זיך מיט עקשנות פאַר זייער קיום און המשך.

דאָס בוך, אַרויסגעגעבן ביים פאַרלאַג „יידיש“ אין בוענאָס־איירעס, אַנטהאַלט 340 זייטן.

בכלל מוז מען מודה זיין, אַז אַלע ביכער, אָן אויסנאַם, וואָס דערשיינען אין

בוענאָס־איירעס אָדער אין מעקסיקאָ, זענען אַרויסגעגעבן רחבותדיק, אויף אַ פיינעם פּאַפּיר און מיט אַ גוטן איינבאַנד. דאָס יידישע לשון און די אויטאָ־גראַפיע ווערט שטאַרק אָפּגעהיטן, הלוואי כאָטש די העלפט, ביי אונדז אין לאַנדאַן געזאָגט געוואָרן . . .

---

## ר. היישעריק

### דער שומר

בייזע ווינטן ברעכן בוימער,
און ס׳פאַרכאַפּט דעם אָטעם באַלד,
איינגעבויגן שטייט אַ שומר,
מיט מאַשין־געווער אין האַנט.

און ער טראַכט פון טאַטע מאַמע
אין גאַז־קאַמער, מ׳האָט דערשטיקט,
שוועסטער, ברידער מיט זיי צוזאַמען,
האָט דער זעלבער טויט פאַרוויגט.

שטייט אַ שומר איינגעבויגן,
אויף זיין פּנים פאַלט אַ טרער,
פּלוצלינג קומט אַ קויל געפלויגן,
און ס׳יונגע האַרץ זיינס קלאַפּט ניט
מער.

געפאַלן איז ישראלס אַ שומר,
וואָס געהיטן האָט זיין אייגן לאַנד,
אויף זיין אָרט שוין שטייט זיין חבר,
מיט דעם זעלבן ביקס אין האַנט.

---

## אליהו פּאלושאק

### שמועסענדיק אַזוי וועגן אַ ירושה (דיסקוסיע)

(המשך)*

2

וואָס איז געוואָרן מיט אונזער ירושה?

לייענען מיר באַשטימטע און קלאָרע ידיעות, אַז דער ענגליש־יידישער ישוב וועט דאָס יאָר זיין פאַרטרעטן אויף דער „זמריה״, וואָס וועט זיך אָנהויבן דעם 4־טן אויגוסט אין חיפה, מיט גאַנצע 25 זינגער. איז דאָך די „זמריה״ די געזאַנג־אָלימפּיאַדע פון אַלע יידישע ישובים אין דער גאָרער וועלט, און דער לאָנדאָנער יידישער מענער־כאָר האָט שוין ביי אַזאַ צוזאַמענטרעפן גאָר שטאַרק אויסגענומען. כדי דאָרט צו זיין ווירדיק פאַרטרעטן, דאַרף דער דאָזיקער כאָר פיר ביז פינף טויזנט פונט שטערלינג און קיין געלט איז נישט געווען. דער יידישער עולם דאָ איז נישט שטאַרק אינטערעסירט, די יידישע עפנטלעכקייט האָט זיך נישט גענוגענדיק אָפּגערופן, די יידישע צדקה־געזעלשאַפטן און אַנדערע פאַריינען באַנוצן זיך נישט ביי פאַראַנשטאַלטונגען מיט דער מיטהילף פון דעם דאָזיקן באַוווסטן מענער־כאָר. נישט־יידישע סטאַרס פון טעאַטער, פילם און קאַבאַרעט זיינען פאַר אונזערע סקאַרבאָווע צדקה־געזעלשאַפטן, כאַ־ליטישע גרופּעס אַ גרעסערע אַטראַקציע (?). נישטאָ אין גאַנצן לאַנד אַ צענטראַלע קהלה־אָרגאַניזאַציע, וואָס זאָל סובסידירן אָדער אפילו וועלן סובסידירן אַזאַ וויכטיקע קולטור־אונטערנעמונג. דער קליינער יידישער ישוב פון פינלאַנד (דער קלענסטער אין גאַנץ אייראָפּע) וועט זיין פול פאַרטרעטן, דער אָרימערער יידישער ישוב פון אירלאַנד אויך. דער גרויסער און רייכער יידישער ישוב אין



ענגלאַנד וועט קוים זיין פאַרטרעטן מיט 25 מענטשן, און דאָס נאָר, ווייל אין דער לעצטער מינוט האָבן אַ פּאָר ווייטהאַרציקע מנדבים צוגעזאָגט פינאַנציעלע הילף.

עס ברויכט דאָך גאָרנישט דערמאָנט צו ווערן, וועלכע ראָלע מוזיק און געזאַנג האָבן זייט טויזנטער יאָרן געשפּילט אינם יידישן לעבן סיי אינדערוואָכן, סיי אין דערהויבענע שעה׳ן פון שבתים און ימים טובים; סיי אין צייטן פון פרייד, אין שעה׳ן פון לייד, אין צייטן פון קאַמף און זיג, אין צייטן פון האָפנונג און שרעק, אפילו אין די שרעקלעכע שעה׳ן פון גזירות, פאַרניכטונג און פאַרפאָלגונג.

לאָמיר צוגיין צו אַן אַנדערן צווייג פון אונזער פאָלקס־לעבן — צום געשריבענעם און געדרוקטן וואָרט. לאָמיר צוגיין צום בוך. האַלטן מיר דאָך אין איין זיך־זעלבסט באַרימען, אַז מיר זיינען אַן עם־הספר, און היסטאָריש גענומען איז עס דאָך גאָרנישט קיין גוזמא, אַז אין אַלע צייטן, אַפילו אין פינצטערסטן מיטלאַלטער און אין צייטן פון גרעסטע רדיפות, האָבן יידן איבערגעלאָזט האָב־און־גוטס, וואָס זיי האָבן נישט געקאָנט מיטשלעפּן, אָבער געראַטעוועט האָבן זיי אַלס ערשטעס ספרי תורה, ספרים און אפילו שמות. אין די צייטן פון די היטלער־רדיפות, נאָך פאַר דעם אויסברוך פון דער צווייטער וועלט־מלחמה, האָבן יידישע פּליטים אַלס ערשטעס געראַטעוועט זייערע ספרים, ביכער, פּריוואַט־ביבליאָטעקן. דאָס גייסטיקע וואָרט, געשריבן און געדרוקט, איז געוואָרן באַטראַכט ווי אַן אָפּגעהיטענע ירושה, וואָס מוז צוערשט ווערן געראַטעוועט. מיינס אַ גוטער באַקאַנטער, אַ געוועזענער ראַבינער אין אַ קליינער דייטשער קהלה און אַ באַוווסטער פּילאָלאָג, האָט צוריקגעלאָזן אין יאָר 1933 אַ גרויסע ירושה, און מיט די נייטיקסטע זאַכן אַריבערגעפירט דאָ נאָך לאָנדאָן אַן אינהאַלטסרייכע פּריוואַט־ביבליאָטעק פון כמעט 2,000 ביכער און ספרים. אַזוי האָבן אויך געטון אַנדערע פּליטים. יעדער אויף זיין אופן האָט געראַטעוועט ספרים און ביכער, וויפיל ער האָט נאָר געקאָנט.

האָבן מיר מיט מזל אין יאַנואַר געהאַט אַ „דזשואיש בוק וויק״, אַ וואָך פונם יידישן בוך, אין וועלכער עס האָבן זיך באַטייליקט עטלעכע פון די יידישע שפּיצן־אָרגאַניזאַציעס. מילא, פון דער „אַנגלאָ־דזשואיש אַסאָסיאיישן״ קענט איר דאָך נישט אַ סך פאַרלאַנגען. זיי זיינען אַסימילאַנטן, און פאַר זיי איז דאָס „אַנגלאָ״ וויכטיקער פאַר דעם „דזשואיש״. מיט זיי קען מען נישט קיין סך דיסקוטירן. זיי האָבן זיך זייער דרך נישט פון היינט און נישט פון נעכטן. פאַר זיי האָט קיינמאָל נישט עקזיסטירט קיין יידישע ליטעראַטור, ווייל ליטעראַטור איז דאָך איינע פון די אויסדרוקס־מיטלען פון אַ פאָלק. און אַנערקענען די עקזיסטענץ פון אַ יידישער ליטעראַטור וואָלט געהייסן אַנערקענען די עקזיסטענץ פון אַ יידיש פאָלק. ביי זיי האָט זיך גאָרנישט געענדערט: יידן זיינען נישט קיין פאָלק — יידן זיינען אַ גלויבנסגעמיינשאַפט, און ווען יידן ווערן חלילה פאַר־

* צוליב געחיסע סיבות האָט דער המשך פון דער סעריע, אָנגעהויבן אין יאַנואַר 1955, נישט געקאָנט פריער דערשיינען.

פאָלגט אין אַן אַנדער לאַנד, און, ווי אין רוסלאַנד, זייער מאָדערן־איבער־מאָדערנע (אפילו יעווסעקישע) קולטור און פאָלקס־שפראַך מיט פרעסע און שולוועזן ווערן איבערנאַכט פאַרפאָלגט און פון דער אויבערפלאַך אָפגעווישט, איז עס ביי זיי נישט קיין פאָלקס־צרה, ווייל זיי האָבן קיינמאָל נישט געהאַט קיין באַציאונג צו דער יידישער פאָלקס־קולטור, וואָס איז אויפגעשפראָצט אין די לעצטע הונדערט יאָר. פאַר זיי איז יידיש אַ „געמאָושעל" פון מזרח־אייראָפעאישן געטאָ, וואָס וועט אויף אַ ווײַלע נאָך אָנהאַלטן און מיט דער צייט, באַלד גיך, אינגאַנצן פאַרשווינדן. אַזוי לאַנג ווי מען דערלויבט די „קאָ־רעלידזשיאָניסטס" און „פעלאָו־דזשוס" אָנהאַלטן אין די ראַמען פון דער אַלגעמיינער קאָנסטיטוציע שולן און כלי־קודש מיט קאַזיאָנע רבנים, איז פאַר זיי אַלץ אין גוטער אָרדנונג. אָבער עפעס אַנדערש קענען מיר דערוואַרטן פון אַזאַ כלל־ישראל־אָרגאַניזאַציע, וואָס וויל אַרומנעמען די ישובים פון דער גאַנצער וועלט — פונם יידישן וועלט־קאָנגרעס.

וואָס האָט אונז געבראַנגט און געגעבן דער יידישער וועלט־קאָנגרעס אין דער „וואָך פאַרן יידישן בוך"?

זיי האָבן פאַראַנשטאַלטעט אַ ביכער־אויסשטעלונג און אַן אַקאַדעמישן אָוונט אויף דער טעמע: „די פיל־שפראַכיקע ליטעראַטור פון איין פאָלק" ("The Multi-Lingual Literature of one People") צו דעם אָוונט איז געקומען אַ פיינער אויסגעקליבענער עולם, וואָס האָט געוואָלט עפעס הערן. און די רעדעס פון ד"ר ראַבין און ד"ר ס. ראָטה, וואָס באַקליידן דאָ אין ענגלאַנד עפנטלעכע אַמטן אַלס לומדים און „מלמדים", געהאַלטן אין ענגליש, זיינען נאָך געווען צו דערטראָגן. אָבער צו וואָס אונזער היימישער ד"ר אהרן שטיינבערג האָט אונז געמוזט אָפמוטשן און לאַנגווייליקן אין אַ פרעמד־קלינגעדיקן ענגליש און אונז וועלן באַווייזן, וואָס פאַר אַ קלוג און כיטרע פאָלק מיר יידן זיינען, אַז מיר קענען אַזש שאַפן ליטעראַטורן אין 36 פאַרשידענע שפראַכן און דיאַלעקטן?! די שענסטע און בעסט־פאַרשטאַנענע שטעלן פון זיין רעדע זיינען געווען די, ווו ער האָט זיך באַנוצט מיט אַ מאמר אָדער אַ היימישן אידיאָם אין יידיש. דאַמאָלט האָבן די פנימער פון די צוהערער אַ ביסל אויפגעשיינט און ס'איז אַפילו געוואָרן אַפלאָדירט. עס וואָלט גוט געווען צוצורופן דעם חשובן לעקטאָר אַ פאַרדרייטן פסוק פון פרץ'עס „מאָניש":

בעסער וואָלט דיין ליד געקלונגען,
זאָלסט פאַר יידן יידיש זינגען,
אידער גוייש — דיין זשאַרגאָן.

צום סוף פונם אַקאַדעמישן אָוונט זיינען פאָרגעקומען פאָרלעזונגען פון פאַרשידענע שאַפונגען אין ענגליש, העברעאיש און יידיש, און אין דער גאַנצער „ליטעראַטור־פילשפראַכיקייט פון איין פאָלק" האָט גראָד אויסגענומען דער ישראלדיקער אַקטיאָר מיט זיינע יידישע רעציטאַציעס, אָדער בעסער געזאָגט, מיט זיינע רעציטאַציעס אין יידיש. גיי, ווייס פריער־אויס, וואָס עס וועט אויסנעמען ביי אַן אינטעליגענטן עולם!



לאָמיר צוגיין צו דער אויסשטעלונג, אַראַנזשירט פונם יידישן וועלט־קאָנגרעס. דער אַריינפיר צום קאַטאַלאָג פון די אויסגעשטעלטע ביכער אין 36 לשונות זאָגט, אַז „דער ציל פון דער אויסשטעלונג איז צו ווייזן די גרויסע אויסוואַל פון לשונות, מיט וועלכע יידישע מחברים האָבן זיך באַנוצט אינם עבר און היינט". אינם צווייטן אָפשניט געפינט זיך דער קלאַסישער זאַץ: „עס קען אויפפאַלן, אַז יידישע אויטאָרן האָבן נישט אייביק באַנוצט די שפראַך פון זייער היימלאַנד אָדער וווינאָרט, נאָר האָבן אָפט געשריבן אין העברעאיש, יידיש אָדער גאָר אין אַן אַנדערע שפראַך.

ווען וויל מען מיט דעם דאָזיקן אומגעלומפערטן זאַץ פאַרבלענדן? זאָל דאָס זיין אַ פאַרנייגונג און אַפאָלאָגעטישע חניפה צו די, וועלכע ווילן פאַרלייקענען און איגנאָרירן די עקזיסטענץ פון אַ יידישער אָדער העברעאישער ליטעראַטור? עס זיצן דאָך אין דער שפיץ פונם יידישן וועלט־קאָנגרעס מענטשן, וועלכע זיינען דערצויגן געוואָרן אינם תחום המושב פון יידיש און העברעאיש, און זיי ווייסן דאָך קלאָר און דייטלעך, אַז אַלץ, וואָס איז פאָזיטיוו געשאַפן געוואָרן אויפן געביט פון יידיש־לעבן און יידישער גייסטיקייט אין די לעצטע 150 יאָר איז מייסטנס געשריבן געוואָרן אין העברעאיש און יידיש, אין יידיש און העברעאיש, און עס וואָלט געווען ערלעכער, ווען דער זאַץ וואָלט געקלונגען כאָטש אַזוי: „עס וועט אויפפאַלן, אַז יידישע מחברים האָבן זיך חוץ אין יידיש און העברעאיש אויך באַנוצט מיט די שפראַכן פון זייערע היימלענדער און וווינערטער".

קוקן מיר אַריין אין דער אויסוואַל פון די אויסגעשטעלטע ביכער אין העברעאיש און יידיש געפינען מיר צווישן די 31 העברעאישע: דריי תנ"ך'ן פון היסטאָרישן ווערט, דריי הגדות של פסח, ספר קיצור שלחן ערוך, מחזור מכל השנה מנהג פולין (אלטאנא 1726), תשובת הגאונים (1671), זוהר על התורה (אַמסטערדאַם 1673), נביאים אחרונים ע"פ דון יצחק אבארבאנעל (איטאַליע 1720), ספר מסעות פון ר' בנימין פון טולדה, ספר מלחמות השם פון לוי בן גרשון (לייפציג 1866), און פון די מאָדערנע איין אברהם מאפו, איין י. ל. גורדון, כל כתבי (אַלע שריפטן) פון אחד־העם, איין בוך פון ביאַליק, איין בוך ש. י. עגנון, כל השירים פון שאול טשערניכאָווסקי, אייזיק הירש ווייס: דור ודור ודורשיו און ספר איגרות הסופרים, אַ בריוו־זאַמלונג פון ר' אקיבא אייגער, משה סופר, בנימין סופר, שמעון און שמחה בינם סופר (ווין־בודאַפעשט 1929). אין דער יידישער אָפטיילונג, וואָס הייבט זיך אָן מיט דער „צאינה וראינה" געפינען מיר צווישן די מאָדערנע שרייבער ד"ר פינעס: געשיכטע פון דער יידישער ליטעראַטור, באַנד 3 פון בעל מחשבות, מענדעלע מו"ס: שבת און יום טוב, אברהם רייזען: נייע ווערק, ערסטעס בוך (דאָס איז זייער טעות, א.פ.) „ערצעהלונגען", ד"ר חיים זשיטלאָווסקי: „געזאַמלטע שריפטן", ש. אַנסקי: „צווישן צוויי וועלטן", ח. נ. ביאַליק: „שירים", זלמן שניאור: „די משומדתטע", ה. לייוויק: „די חתונה" אין פערנוואַלד", שלום עליכם: „מעשיות און מאָנאָלאָגן", שלום אַש: „מאָטקע גנב", משה נאַדיר: „מעשהלעך מיט אַ מאָראַל", יוסף

פאָלגט אין אַן אַנדער לאַנד, און, ווי אין רוסלאַנד, זייער מאָדערן־איבער־מאָדערנע (אפילו יעווסעקישע) קולטור און פאָלקס־שפּראַך מיט פּרעסע און שולוועזן ווערן איבערנאַכט פאַרפאָלגט און פון דער אויבערפלאַך אָפּגעווישט, איז עס ביי זיי נישט קיין פאָלקס־צרה, ווייל זיי האָבן קיינמאָל נישט געהאַט קיין באַציאונג צו דער יידישער פאָלקס־קולטור, וואָס איז אויפגעשפּראָצט אין די לעצטע הונדערט יאָר. פאַר זיי איז יידיש אַ „געמאַושעל" פון מזרח־אייראָפּעאישן געטאָ, וואָס וועט אויף אַ וויילע נאָך אָנהאַלטן און מיט דער צייט, באַלד גיך, אינגאַנצן פאַרשווינדן. אַזוי לאַנג ווי מען דערלויבט די „קאָ־רעלידזשיאָניסטס" און „פּעלאָו־דזשוס" אָנהאַלטן אין די ראַמען פון דער אַלגעמיינער קאָנסטיטוציע שולן און כלי־קודש מיט קאַזיאָנע רבנים, איז פאַר זיי אַלץ אין גוטער אָרדנונג. אָבער עפּעס אַנדערש קענען מיר דערוואַרטן פון אַזאַ כלל־ישראל־אָרגאַניזאַציע, וואָס וויל אַרומנעמען די ישובים פון דער גאַנצער וועלט — פונם יידישן וועלט־קאָנגרעס.

וואָס האָט אונז געבראַכט און געגעבן דער יידישער וועלט־קאָנגרעס אין דער „וואָך פאַרן יידישן בוך"?

זיי האָבן פאַראַנשטאַלטעט אַ ביכער־אויסשטעלונג און אַן אַקאַדעמישן אָוונט אויף דער טעמע: „די פיל־שפּראַכיקע ליטעראַטור פון איין פאָלק" ("The Multi-Lingual Literature of one People") צו דעם אָוונט איז געקומען אַ פיינער אויסגעקליבענער עולם, וואָס האָט געוואָלט עפּעס הערן. און די רעדעס פון ד"ר ראַבין און ד"ר ס. ראָטה, וואָס באַקליידן דאָ אין ענגלאַנד עפנטלעכע אַמטן אַלס לומדים און „מלמדים", געהאַלטן אין ענגליש, זיינען נאָך געווען צו דערטראָגן. אָבער צו וואָס אונזער היימישער ד"ר אהרן שטיינבערג האָט אונז געמוזט אָפּמוטשן און לאַנגווייליקן אין אַ פרעמד־קלינגעדיקן ענגליש און אונז וועלן באַווייזן, וואָס פאַר אַ קלוג און כיטרע פאָלק מיר יידן זיינען, אַז מיר קענען אַזש שאַפן ליטעראַטורן אין 36 פאַרשידענע שפּראַכן און דיאַלעקטן?! די שענסטע און בעסט־פאַרשטאַנענע שטעלן פון זיין רעדע זיינען געווען די, ווו ער האָט זיך באַנוצט מיט אַ מאמר אָדער אַ היימישן אידיאָם אין יידיש. דאַמאָלט האָבן די פּנימער פון די צוהערער אַ ביסל אויפגעשיינט און ס'איז אַפילו געוואָרן אַפּלאָדירט. עס וואָלט גוט געווען צוצורופן דעם חשובן לעקטאָר אַ פאַרדרייטן פסוק פון פרץ'עס „מאָניש":

בעסער וואָלט דיין ליד געקלונגען,
זאָלסט פאַר יידן יידיש זינגען,
איידער גוייש — דיין זשאַרגאָן.

צום סוף פונם אַקאַדעמישן אָוונט זיינען פאָרגעקומען פאָרלעזונגען פון פאַרשידענע שאַפונגען אין ענגליש, העברעאיש און יידיש, און אין דער גאַנצער „ליטעראַטור־פילשפּראַכיקייט פון איין פאָלק" האָט גראָד אויסגענומען דער ישראלדיקער אַקטיאָר מיט זיינע יידישע רעציטאַציעס, אָדער בעסער געזאָגט, מיט זיינע רעציטאַציעס אין יידיש. גיי, ווייס פריער־אויס, וואָס עס וועט אויסנעמען ביי אַן אינטעליגענטן עולם!



לאָמיר צוגיין צו דער אויסשטעלונג, אַראַנזשירט פונם יידישן וועלט־קאָנגרעס. דער אַריינפיר צום קאַטאַלאָג פון די אויסגעשטעלטע ביכער אין 36 לשונות זאָגט, אַז „דער ציל פון דער אויסשטעלונג איז צו ווייזן די גרויסע אויסוואַל פון לשונות, מיט וועלכע יידישע מחברים האָבן זיך באַנוצט אינם עבר און היינט". אינם צווייטן אָפּשניט געפינט זיך דער קלאַסישער זאַץ: „עס קען אויספאַלן, אַז יידישע אויטאָרן האָבן נישט אייביק באַנוצט די שפּראַך פון זייער היימלאַנד אָדער וווינאָרט, נאָר האָבן אָפּט געשריבן אין העברעאיש, יידיש אָדער גאָר אין אַן אַנדערע שפּראַך.

וועמען וויל מען מיט דעם דאָזיקן אומגעלומפּערטן זאַץ פאַרבלענדן? זאָל דאָס זיין אַ פאַרנייגונג און אַפּאָלאָגעטישע חניפה צו די, וועלכע ווילן פאַרלייקענען און איגנאָרירן די עקזיסטענץ פון אַ יידישער אָדער העברעאישער ליטעראַטור? עס זיצן דאָך אין דער שפּיץ פונם יידישן וועלט־קאָנגרעס מענטשן, וועלכע זיינען דערצויגן געוואָרן אינם תחום המושב פון יידיש און העברעאיש, און זיי ווייסן דאָך קלאָר און דייטלעך, אַז אַלץ, וואָס איז פּאָזיטיוו געשאַפן געוואָרן אויפן געביט פון יידיש־לעבן און יידישער גייסטיקייט אין די לעצטע 150 יאָר איז מייסטנס געשריבן געוואָרן אין העברעאיש און יידיש, אין יידיש און העברעאיש, און עס וואָלט געווען ערלעכער, ווען דער זאַץ וואָלט געקלונגען כאָטש אַזוי: „עס וועט אויפפאַלן, אַז יידישע מחברים האָבן זיך חוץ אין יידיש און העברעאיש אויך באַנוצט מיט די שפּראַכן פון זייערע היימלענדער און וווינערטער".

קוקן מיר אַריין אין דער אויסוואַל פון די אויסגעשטעלטע ביכער אין העברעאיש און יידיש געפינען מיר צווישן די 31 העברעאישע: דריי תנ"ך'ן פון היסטאָרישן ווערט, דריי הגדות של פסח, ספר קיצור שלחן ערוך, מחזור מכל השנה מנהג פולין (אלטאָנא 1726), תשובת הגאונים (1671), זוהר על התורה (אַמסטערדאַם 1673), נביאים אחרונים ע"פ דון יצחק אבארבאנעל (איטאַליע 1720), ספר מסעות פון ר' בנימין פון טולדה, ספר מלחמות השם פון לוי בן גרשון (לייפּציג 1866), און פון די מאָדערנע איין אברהם מאפו, איין י. ל. גורדון, כל כתבי (אַלע שריפטן) פון אחד־העם, איין בוך פון ביאַליק, איין בוך ש. י. עגנון, כל השירים פון שאול טשערניכאָווסקי, אייזיק הירש ווייס: דור ודור ודורשיו און ספר איגרות הסופרים, אַ בריוו־זאַמלונג פון ר' אקיבא אייגער, משה סופר, בנימין סופר, שמעון און שמחה בינם סופר (ווין־בודאַפּעשט 1929). אין דער יידישער אָפּטיילונג, וואָס הייבט זיך אָן מיט דער „צאינה וראינה" געפינען מיר צווישן די מאָדערנע שרייבער ד"ר פינעס: געשיכטע פון דער יידישער ליטעראַטור, באַנד 3 פון בעל מחשבות, מענדעלע מו"ס: שבת און יום טוב, אברהם רייזען: נייע ווערק, ערסטעס בוך (דאָס איז זייער טעות, א.פ.) „ערצעהלונגען", ד"ר חיים זשיטלאָווסקי: „געזאַמלטע שריפטן", ש. אַנסקי: „צווישן צוויי וועלטן", ח. נ. ביאַליק: „שירים", זלמן שניאור: „די משומדתטע", ה. לייוויק: „די חתונה" אין פערנוואַלד", שלום עליכם: „מעשיות און מאָנאָלאָגן", שלום אַש: „מאָטקע גנב", משה נאַדיר: „מעשהלעך מיט אַ מאָראַל", יוסף

אָפּאַטאָשו: „1863, צווייטער טייל פון דער טרילאָגיע ‚אין פּוילישע וועלדער‘“, ייווא־בלעטער — יצחק לייביש פּרץ־נומער, מרדכי געבירטיק: „ס׳ברענט“, איציק מאַנגער: „דער שניידער־געזעלן נאָטע מאַנגער זינגט“, משה עובד: „אין חדר אַריין“, מנחם באַריישא: „אַ דור“, לעאָ פינקעלשטיין: „מגילת פּוילן“, א. לעיעלעס: „אַ ייד אויפן ים“, א. נ. שטענצל: „ירושלים“, אברהם סוצקעווער: „יידישע גאַס“ און „יאָרבוך פונם מעקסיקאַנער יידנטום“ 1952־1950. אַלע אַנדערע ביכער פון נומער 58 ביז 218 זיינען אין 34 פאַרשידענע לשונות און דיאַלעקטן, ווי אַפריקאַניש, אַראַביש, אַראַמייאיש, אַרמעניש, בוכאַריש, קראָאַטיש, טשעכיש, האָלענדיש, ענגליש (נאָר 22 ביכער), אַמעריקאַניש (אויך ענגליש, אַרויסגעגעבן אין אַמעריקע), עטיאָפּיש, פיניש, פראַנצויזיש, דייטש (אַזש 34 ביכער), אַזוי־גערופענע יודעא־דיאַלעקטן, גריכיש, אונגאַריש, איטאַליעניש, יאַפּאַניש, לאַטייניש, נאָרוועגיש, פּערסיש, פּויליש, פּאָרטוגעזיש, רומעניש, רוסיש, סערביש, שפּאַניש, שוועדיש, סיריש, טערקיש, זולו און דעניש.

איך האָב מיך בכונה אַריינגעלאָזט אין פּרטים, כדי דער לייענער, וואָס איז נישט געווען אויף דער אויסשטעלונג, זאָל זיך קענען מאַכן אַ בילד פון דעם, וואָס ס׳איז געווען און וואָס ס׳איז געוואָרן אויסגעשטעלט, און אַזוי אַרום קומען צום אורטייל, אַז די גאַנצע אויסשטעלונג, פאַראַנשטאַלטעט פונם קולטור־קאָמיטעט פונם יי.וו.ק. איז געווען זער בלוט־אָרים און נישט געלונגען, ווייל זי האָט מיט זיך גאָרנישט רעפּרעזענטירט און איז געווען איבערלאָדן מיט מאַטעריאַלן אינם גרויסן שפּראַכן־געמיש, אין דער צייט, ווען עס האָבן אינגאַנצן געפעלט די אַלע שאַפונגען — הונדערטער און טויזנטער איינצלנע ביכער, עדות פון לעבעדיקער גייסטיקער אַקטיוויטעט פון די לעצטע 5־6 דורות, אַ ירושה, וועלכע וואַרט אויף אַ תיקון, און מיט וועלכער מען ברויכט זיך נישט צו שעמען.

לאָמיר זיך זיין קלאָר: וואָס איז דען דער זין פון אַן אויסשטעלונג? דער זין פון אַן אויסשטעלונג איז ענטוועדער אַ דעמאָנסטראַציע פאַר אייגענע און פאַר פרעמדע צו באַווייזן, וואָס מיר פאַרמאָגן און וואָס מיר האָבן געשאַפן אָדער צו זיין אַ סטימולאַנט פאַר עפּעס, דאָס הייסט אָנצורעגן און אַרויסרופן אַ חשק, אַ ווילן צו אונטערשטיצן קונסט, ליטעראַטור, טעאַטער, וויסנשאַפט וכדומה. ווען דער ענגלישער בוכהאַנדל האָט מיט עטלעכע חדשים צוריק פאַראַנשטאַלטעט אַ בוך־וואָך, וואָס האָבן זיי געטון? זיי האָבן געהאַט אַנאָנסן און פּובליציטעט אין דער גרויסער פּרעסע, זיי האָבן פאַרביליקט די פּרייזן פון ווערטפולע ביכער, זיי האָבן מיט אַלע מיטלען געלאָקט דאָס פּובליקום און זיי געוויזן אין כמות און איכות דאָס שענסטע, וואָס דער ביכער־מאַרק האָט געשאַפן. דער עולם אי געקומען, האָט גענומען אַ לעבעדיקן אַנטייל אין דער ביכער־וואָך, די אויסגעשטעלטע ביכער האָבן אַרויסגערופן אַן אינטערעס, און די גאַנצע אַקציע איז אויך פינאַנציעל געווען אַ דערפאָלג.

לאָמיר זיין קלאָר: דער יידישער וועלט־קאָנגרעס וויל דאָך זיין אַן אָרגאַניזאַציע, וואָס וויל אַרומנעמען אַלע יידישע ישובים פון דער גאַנצער וועלט. אין



דער בריטישער סעקציע זיצן דאָך געניג היימישע אייגענע מענטשן, וואָס פּרעטענדירן צו פאַרטרעטן יידישע רעכט, צו פאַרטיידיקן קיום האומה, שיצן און העלפן דאָרט, ווו ד׳ער מאַטעריעלער, רעכטלעכער און קולטורעלער מצב איז אין אַ סכנה — זיי ווייסן דאָך, ווו עס קוועטשט אונז דער שיך דאָ אין ענגלאַנד. ווייסן זיי אָדער ווייסן זיי נישט? ווען זיי ווייסן, זאָלן זיי רעדן אַ קלאָרע און איינדייטיקע שפּראַך. די בלוט־אָרעמע אויסשטעלונג אין 36 לשונות אין יאַנואַר איז אַ בבל׳שער שפּראַך־געמיש, וואָס האָט גאָרנישט געגעבן און האָט סטימולירט צו גאָרנישט. זיי קענען דאָך גוט דעם מצב דאָ אין לאַנד און ווייסן, אַז די גייסטיקע ירידה גייט זיך איר גאַנג ווייטער. האָט אַזאַ אויסשטעלונג געדאַרפט צו זיין ווי אַ גרויס שויפענסטער פון אַ קויפהויז, ווו די געשעפטן גייען שלעכט: פאַרבנרייך, פּילזייטיק און צוציענדיק. אַרויסגייענדיק פון מיין הנחה, אַז יידישע מחברים האָבן זיך חוץ אין יידיש און העברעאיש אויך באַנוצט מיט די שפּראַכן פון זייערע היימלענדער, האָט די דאָזיקע ביכער־וואָך און אויסשטעלונג געדאַרפט צו זיין אַ דעמאָנסטראַציע פונם שענסטן און בעסטן, וואָס איז געשאַפן געוואָרן פון יידישע מחברים אין יידיש, העברעאיש און דער לאַנדשפּראַך (אויך איבערזעצונגען פון העברעאיש, יידיש און אַנדערע שפּראַכן אין ענגליש), סיסטעמאַטיזירט און איינגעטיילט אין דורות און תקופות; אַן אויסשטעלונג גרויס און פּילזייטיק אין קוואַליטעט און קוואַנטיטעט, וואָס זאָל פאַרבלענדן די אויגן און אויפוועקן און סטימולירן דעם עולם זיך צו באַנוצן מיט די אוצרות פון יידישן גייסט, מיט דער ירושה פון די לעצטע דורות.

(המשך קומט)

## אויף אַן אנגעווייטיקטער טעאַטער־טעמע

אין די סאַמע ערנסטע (אַמאָל אַזוי פאָרכטיקע) אלול־טעג, וואָס זענען אַ כמו אַ פּרעלודיע צו די קומענדיקע ימים־נוראים, ווען דער מענטש דאַרף זיך אָפּגעבן אַ דין־וחשבון פון זיינע אָפּגעטוענע מעשים און תשובה טון (ווייל דער פּערזענלעכער חשבון שטימט עפּעס נישט אינגאַנצן), — אָט אין איינעם פון די דאָזיקע אלול־נעכט, האָט די חברה „פריינט פון יידיש לשון“ איינגעאָרדנט אַ מין באַנקעטל לכבוד אונדזער אַלעמענס באַליבטן אַקטיאָר מאיר צעלניקער.

צו דער דאָזיקער אינטימער חברישער סביבה, זענען געקומען יידישע שרייבער, כלל־טוער, אַקטיאָרן און „עמך“ יידן, וואָס געדענקן נאָך מאיר צעלניקערס טעטיקייט אויף די פאַרשיידנסטע יידישע בינעס, בעיקר דאָ ביי אונדז אין לאָנדאָן.

ס׳איז טרויעריק, אַז די דאָזיקע זכרונות געהערן צו דער פאַרגאַנגענהייט, ווייל מאיר צעלניקער, דער קרעפּטיקער אַקטיאָרישער טאַלאַנט, וואָס האָט אין משך פון זיין רומרייכער טעטיקייט אין יידישן טעאַטער געשאַפן און געשטאַלטיקט אַ גאַלעריע פון פּרעכטיקע קרעאַציעס אין ראָלן פון דעם פאַרשיידנאַרטיקסטן רעפּערטואַר, איז געווען געצוווּנגען, אַלס אַ פּועל־יוצא פון די הערשנדיקע אומשטענדן אין אונדזער יידישן טעאַטער, זיך מתחתן זיין מיט דער ענגלישער בינע און מיט דעם ענגלישן פילם.

האַט מאיר צעלניקער געפונען זיין אַקטיאָריש־גייסטיקע חיונה אין די ענגלישע טעאַטערס? לעבט ער זיך דאָרט אויס — גייסטיק און אַקטיאָריש צאַפּלדיק, ווי ער פלעגט זיך אויסלעבן אויף די ברעטער פון אונדזער אָרימען יידישן מאַמע־טעאַטער און אויף אונדזער יידיש־האַרציקן מאַמע־לשון?

קיינער האָט ביי מאיר'ן נישט געפרעגט די דאָזיקע שאלה, ווייל מען וואָלט אים געבערענגט אין אַ פיינלעכער פאַרלעגנהייט . . . יעדער בשר־ודם, און אַ פשיטא אַ יידישער אַקטיאָר, האָט אויך אַ האַרץ און אַ נשמה, וואָס וויל זיך אויסלעבן, אַחוץ מאַטעריעל, אויך יידיש. און דאָס געפינט נישט אַ יידישער אַקטיאָר — אויף דער ניט־יידישער בינע.

• • •

אויף דער דאָזיקער מסיבה האָט מען גערעדט, יעדער אויף זיין שטייגער, וועגן דעם מצב פונם יידישן טעאַטער אין לאָנדאָן, וואָס ראַנגלט זיך מיט כוח און מיט עקשנות פאַר זיין עקזיסטענץ. דאָס איז, צום באַדויערן, נישט קיין נייעס. כמעט אומעטום הערט מען זינגען דאָס זעלבע לידל: אַסימילאַציע, דע־זערציע, אַ דוחק אין יונגע אַקטיאָרישע כוחות, וואָס זאָלן מחיה זיין די פאַר־חלשטע יידישע בינעס — נישט בלויז ביי אונדז אין לאָנדאָן, נאָר אויך אין פּאַריז, ניו־יאָרק און אַפילו אין בוענאָס־איירעס, וואָס איז איצט דאָס אַזוי־גערופענע שיינדל פון אונדזער יידישן קולטור־פאַרמעגן.

אָבער תכלית, רבותי, תכלית. ווי אַזוי און מיט וועלכע כישוף־מיטלען ברענגט מען די לאַנדאָנער יידן צוריק אין יידישן טעאַטער אַריין? ווי אַזוי קען מען צוריק געווינען די (דערווייל) אַנטלאָפענע יידישע אַקטיאָרן און אַקטרי־סעס צו די יידישע בינעס? זענען פאַראַן מעגלעכקייטן, (אַחוץ מאַטעריעלע), אויך מאָראַלישע, אידייאישע און אידעאָלאָגישע, פונדאָסניי אָנצוצינדן דאָס פאַרלאָשענע „פלאַקער פייערל, פלאַקער", אויף די ברעטער פון יידישן טעאַטער?

אויף די דאָזיקע וויכטיק־קאַרדינאַלע פראַגן האָט מען, בעת דער דאָזיקער מסיבה, נישט געקאָנט געבן קיין געהעריקע תשובה, ווייל אונדזער פּעסימיזם האָט אין אונדז ממש געקוילעט דעם ווילן — אָנצוהויבן פונדאָסניי צו באַאַקערן דאָס אַזוי שטאַרק פאַרוואָרלאָזטע יידישע טעאַטער־פעלד.

יידיש טעאַטער איז קראַנק, שווער קראַנק, אָבער עס איז נאָך נישט טויט, חלילה.

דער חולה דאַרף האָבן אַ טראַנספוזיע פון יונג, פריש צאַפּלדיק בלוט, כדי דאָס יידישע טעאַטער אַרויסצורייסן, מיט גוואַלד ממש, פון דעם מלאך־המות'ס נעגל!

רעזומע: וועלן מיר האָבן אַ קאַדרע (מעג זיין אַ קליינע) פון יונגע, פעאיקע, באַדיי אַמאַטאָרישע כוחות, וועט דאָס יידישע טעאַטער גענעזן ווערן פון זיין איצטיקער קראַנקהייט.

**אָט דאָס איז, לויט אונדזער טיפסטער איבערצייגונג, דער עיקר פון אַלע עיקרים.**



אָבער ווו נעמט מען זיי, די צענדליקער און הונדערטער יונגע יידישע בחורים און מיידלעך, וואָס באַלאַגערן די ענגלישע טעאַטער־סטודיעס און זיי בעטן זיך רחמים ביי די ענגלישע טעאַטער־רביים, אַז מען זאָל זיי געבן כאָטש די מינדסטע געלעגנהייט — זיך צו באַווייזן אויף דער ענגלישער בינע.

זאָגן מיר צו די דאָזיקע יידישע זין און טעכטער:

קומט צו אונדז! מיר וועלן אייך אויפנעמען מיט אָפענע אָרעמס און אייך געבן די געהעריקע מעגלעכקייט זיך צו אַנטוויקלען אין אייערע בינע־קאַריע־רעס. אָבער די דאָזיקע יידישע בחורים און מיידלעך וועלן צו אונדז נישט קו־מען, ווייל זיי האָבן פאַרלוירן דעם וועג צו אונדז — שפּראַכלעך און גייסטיק.

• • •

די דאָזיקע בפירוש אַזוי וויכטיקע מסיבה איז געווען אַ באַשטעטיקונג, אַז יידיש טעאַטער פאַרמאָגט נאָך דעם כוח־אָנצוצינדן און צו דערוואַרעמען אונד־זער יידישע הערצער; אַז מיר זענען דאַנקבאַר יעדן יידישן אַקטיאָר, וואָס האָט אַ ווילן צו זיין מיט אונדז און העלפן אונדזער טעאַטער־קולטור, וואָס האָט פאַרשריבן אַ הערלעך קאַפּיטל אין אונדזער קולטור־געשיכטע.

מאיר צעלניקער, איינער פון אונדזערע פייאיקסטע אַקטיאָרן, איז גרייט צוריק צו קומען צום יידישן טעאַטער, אויב מען וועט פאַר אים שאַפן די גע־העריקע באַדינגונגען — צו אַרבעטן.

ש. י. ה—ף.

---

## יוסף הלל לעווי

## מיין ביאָגראַפיע*

פאַרטריבן דורך אַ פאַגראָם אין רוסלאַנד, האָט מיין זיידע ר' משה יונה ז"ל זיך באַזעצט אין דעם קליינעם גאַליצישן שטעטל טשעבין. אין אַ קורצער צייט געוואָרן דער איידעם און דערנאָך דער ממלא מקום פון דעם פריער פאַרשטאָר־בענעם רב חיים קלוגער ז"ל (דער מחבר פון איניקע רעליגיעזע ספרים).

באַלד נאָכן זיידנס פטירה האָט מיין טאַטע ישראל דוב הלוי ז"ל צוליב עניוות אָפּגעגעבן דאָס רבנות צו זיין יינגערן ברודער יעקב לעווי ז"ל, און בעסער געוואָרן אַן אָרימער סופר אין קראָקע.

זיין ערלעך פרומער און אַסקעטישער לעבן, זיינע מעשים טובים — הגם אַליין אַ גרויסער אביון, און אויך זיין טייערער געפערלטער סופר־כתב, האָבן אים מפורסם געמאַכט איבער גאַנץ גאַליציע.

אָפטמאָל פלעגט ער מיר וווּנדערלעכע מעשיות פון גוטע־יידן, און בעטלער „למד־וואָווניקעס" אויף אַ ווונדערלעכן אופן דערציילן.

צו יידיש האָט ער אַ גרויסע ליבשאַפט געפילט, און עס אויך געהאַלטן פאַר אַ הייליקן לשון, וואָס איז געגעבן געוואָרן אויפן הר סיני צווישן די שבעים לשונות. איניקע פון זיינע הערלעכע מעשיות ווי „דער אַרבל", „לקונה עבדיו

* דאָס קאַפּיטל „מיין ביאָגראַפיע" וואָס מיר דרוקן דאָ איז מסתמא געשריבן געוואָרן אויס־גענוצט צו ווערן פאַר אַ לעקסיקאָן, אָדער דעסגלייכן, ווייל דער צווייטער טייל פאַרנעמט זיך מיט איינצלהייטן פון קריטיקס איבער אים און ביכער אויסגאַבן. מיר דרוקן אָפּ דעם פיין געשריבענעם ערשטן טייל, וועלכער איז פול מיט יוגנטלעכע סענטימענטן און זכרונות. מיר דרוקן עס אָפּ צום דערשיינען פון לעווים בוך קומענדיקן חודש.

בדין", „דאָס חתונה בית הקברותל", „דער בלוט־בלבול", „דער רבי דער רבי איז טויט", האָב איך דאָן אויף באַלאַדעס איבערגעאַרבעט.

געבוירן אין קראָקע, 1891, האָב איך באַקומען אַ שטרענג פרום חסידישע דערציאונג. געלערנט ביז פערצן יאָר חומש, רש"י, גמרא, תוספות און משניות.

אָבער אַ דאַנק דער ניט צו גרויסער התמדה וואָס איך האָב צום לערנען אַרויסגעוויזן, און דער עיקר פאַר דחקות, האָט מיין מאַמע מיך צו אַ בעל מלאכה אָװעקגעגעבן. דער טאַטע עליו השלום האָט דערפון גרויס צער געהאַט און אויף מיר ברוגז געווען פאַר אַ לענגערער צייט, אָבער זיין ליבע און רחמנות צום קינד האָט אַלעס גובר געווען (איך קאָן זיך נישט דערמאָנען אַז מיין טאַטע זאָל ווען אין זיין לעבן האָבן כאָטש אַן איינציק מאָל אַ האַנט אויף מיר אויפגעהויבן).

אַ גאַנצן טאָג האָב איך אין פאַבריק געאַרבעט, און יעדן אָװנט האָט דער טאַטע מיט מיר געלערנט כאָטש אַ שטיקל גמרא און משניות.

אָפּאַרבעטענדיק כמעט אַ יאָר, האָט דער טאַטע מיך ווידער צום לערנען צוריקגעגעבן, מחמת איך האָב אים צוגעזאָגט נישט מער צו פטרן די צייט מיט קיין נאַרישקייטן. דאָס מאָל איז דער לימוד מיר טאַקע אויף אַן אמת אַ סך ליבער געווען, ווייל אַ גאָר שטאַרקן רושם האָט אויף מיר געמאַכט דאָס תנ"ך לערנען פון דעם גרויסן רבין ר' יצחק משה באַדער הכהן ז"ל (אַליין אויך אַ שטיקל העברעאיש־יידישער שרייבער געווען, דער פאָטער פון דעם באַרימטן העברעאיש־יידישן שרייבער ג. באַדער ניו־יאָרק). אַ דאַנק זיין טיפער אינטעליגענץ און ווילקענעוודיקייט, און בכלל אַ דאַנק זיין גאַנצן ליריש־לײדנדיקן וועזן האָט ער מיין נשמה אַזוי אַדורכגענומען און צעוויגט, אַז ער האָט ביי מיר אַן אייביקן אומרו צוריקגעלאָזן.

אָבער טראָץ דעם אַלעם האָט ביי מיר די התמדה צום לערנען נישט לאַנג אָנגעהאַלטן, ווייל אָנשטאָט איבערצוחזרן דאָס געלערנטע, האָב איך בעסער מיט חברה „פאַפרעס" און „האַלדעריינג" געשפּילט אין קנעפּ, געכאַפּט טויבן און צוגעקוקט ווי זיי גנבענען פון די סטראַגאַנעס די עפּל. געהאָלפן אויך די ווייבער די קוישן פון מאַרק אַהיימטראָגן, און פאַר די אָפּגעשפּאָרטע גראָשנס זיך אַ פידעלע געקויפט און גאַנצע טעג געסקריפּעט דערויף, זיך געלערנט שפּילן... אָפּגערעדט מיינע חברים פון לערנען, זיך געמאַכט פאַר אַ בדחן, מיינע חברים פאַר די משוררים, זיך געלערנט ווי אַזוי אַ כלה צו באַזינגען, און זיי — מיך אונטערצוהאַלטן. עס פאַרשטייט זיך, ווען דער רבי האָט זיך פון דעם דערוווּסט איז עס מיר דערנאָך באָקעם אויסגעפאַלן...

מיין גרעסטער תענוג איז געווען אָפּט ביי דער ווייסל אויף גאַנצע טעג פאַרפאַלן צו ווערן, — מיר געמאַכט לופט־באַלאָנען און געזען ווי זיי פלאַטערן אין הימל אַריין, אָדער מיר געמאַכט אַ ווענדקע און געכאַפּט פישלעך. און אַז דער עסק איז נישט געגאַנגען, האָב איך זיך געלאָזן אין די פעלדער אַריין דאָרט צו כאַפּן זומער־פייגעלעך.

ביז איינמאָל האָט די געדולד פונם רבין געפּלאַצט מחמת ער האָט דאָס שוין מער נישט געקענט סובל זיין, — האָט ער מיך פאַר דער האַנט אָנגענומען



און איז מיט מיר צום טאַטן אַהיימגעגאַנגען, געבעטן זיך ביים טאַטן כמעט מיט טרערן אַז ער זאָל ביי מיר פועלן איך זאָל בעסער ווערן, אָדער ווידער מיך פון לערנען אַוועקנעמען, ווייל לא די איך לערן נישט, רעד איך נאָך אויך אָפּ אַנדערע פון לערנען. עס איז אַ גרויסער שאָד פאַר מיר ווייל איך האָב אַ גוטן קאָפּ, נאָר וואָס קומט אַרויס אַז איך וויל נישט...

באַלד דערנאָך האָט מיך מיין מאַמע טאַקע ווידער צו אַ בעל מלאכה אַוועקגעגעבן. איך האָב ווידער אָפּגעהאָרעוועט אַ שטיק צייט אין אַ האַנט־טאַשן־פאַבריק וואָס האָט זיך געפונען אין אַ נאַסן טונקעלן קעלער. און דאָן אָנגעהויבן וואַנדערעווען פון איין מלאכה צו דער אַנדערער. געווען אַ שניידער, קאָמאַשנבייער, אַ זייגערמאַכער, האַנדלס־אָנגעשטעלטער, דרוקער און נאָך אַנדערע מלאכות. געאַרבעט אַ צייט, ביז עס איז מיר די אַרבעט פאַרמיאוסט געוואָרן און דער טאַטע האָט מיך ווידער אַלס אַ פּריוואַט־תלמיד צום רבין צוריקגעגעבן...

אַ גרויסע השפּעה האָט אויך געהאַט אויף מיין ווייטערדיקער אַנטוויקלונג מיין מוטער חנה הענע בינענפעלד עליה השלום, די שטרענגע דערציערין, מחמת מיין פאָטער איז אַ צו גוטער געווען. זי — דאָס שטאָלצע אור־איניקל פון ר' הערש לייב לובלינער, אָדער „דער אייזערנער מוח" ווי מען פלעגט אים רופן, און דאָס אייניקל פון ר' ישראל בינענפעלד וואָס איז צוזאַמען מיט משה מאָנטעפיאָרע צום רוסישן צאַר געפאָרן כדי צו פועלן ס'זאָל בטל ווערן די גזרת מילה וואָס האָט דאַמאָלט געדראָט די יידן (דער בריוו פון מ. מאָנטעפיאָרע איז נאָך אַ לאַנגע צייט אָפּגעהיטן געוואָרן פון זיידן אין אַ גמרא, און נאָכן זיידנס טויט האָט אים אַן איידעם צוגענומען און לסוף איז דער בריוו מיט מיין פעטער אונטער היטלערן פאַרשוווּנדן געוואָרן). אויף דער רייזע איז דער עלטער־זיידע לײדער אַלס אַ שפּיאָן על־פּי־טעות פאַרהאַלטן געוואָרן, און באַקומען אַ שטאָך מיט אַ דאָלך אין ברוסט אַריין, געשפּיגן אַ צייט מיט בלוט און געשטאָרבן.

מיין מוטער חנה הענע, די עלטסטע טאָכטער פון יואל אליעזר בינענפעלד, דער גרויסער למדן און שוחט פון קראָקע, וואָס אויף אים איז געפאַלן דער גורל אויפצוציען די צוריקגעבליבענע יתומים — האָט נישט געקאָנט צוזען אַז איר זון זאָל אויפוואַקסן אַן עם הארץ, האָט זי דערפאַר מיך שפּעטער אונטערגעטריבן כאָטש צו וועלטלעכע לימודים... (וואָס זי האָט דערנאָך שטאַרק באַדויערט).

אין אַ קליינעם הייזל וואָס האָט געהערט צום זיידן נעבן דער באַרימטער קראָקעווער אַלטער שול, בין איך אויפגעצויגן געוואָרן. איינגעזאַפּט אין זיך דעם טיפן אומעט פון מיין זיידן וואָס איז לסוף אַ סגי־נהור געוואָרן, און פון זיין בעט אויף אויסנווייניק גאַנצע שטיקער זוהר מיט אַ וויינענדיקן קול אַרויסגעזונגען, אויך איבערגענומען דאָס שווייגן פון מיין פאָטער דעם סופר וואָס איז אַ גאַנצן טאָג געווען פאַרטיפט ביי אַ יריעה און געפערלט מיט גרויס קדושה די שורות פון ספרי־תורה, און געקאָנט מקבל באהבה זיין דעם גרעסטן צער צוזאַמען מיט עניות, אביונות און שפלות.

אַ גאַנץ באַזונדערן איינדרוק האָט אויף מיר געמאַכט מיין מוטער עליה השלום. שוין צו דער דאַמאָלטדיקער צייט האָט זי געגאָלטן אַלס אַ געבילדעטע

179

# לשון און לעבן

## חודש-זשורנאל פאר ליטעראטור, טעאטער, קונסט און קולטור

נומער 11־10 (העפט 290־289) זעכצנסער יאָרגאַנג אָקטאָבער־נאָוועמבער 1955, לאָנדאָן

רעדאַקטירט פון א. נ. שטענצל

אינהאַלט:


| | | |
|---|---|---|
| „לא ישא גוי אל גוי חרב", ימים־נוראים | °° | 1 |
| אין טאָג חען אַלט־ירושלים איז געפאַלן, פּאַרליבטע (לידער) | אברהם סוצקעווער | 4 |
| נאָך נעילה (דערציילונג) | משה דאָמב | 5 |
| יום־כפור־ליכט (ליד) | שמואל חהייט | 9 |
| מנחם מענדל פון לאָנדאָן צו זיין חייב שיינה־שיינדל אין תל־אביב | א. מייזעלס | 10 |
| הערבסט שטימונג (ליד) | עללאַ זילבערג | 13 |
| הערבסט בלעטער (ליד) | שמואל חהייט | 13 |
| דער קרייז אין גאַרטן (דערציילונג) | רחל מירסקי | 14 |
| חייטשעפל באַלאַדעס | א. נ. שטענצל | 17 |
| 300 יאָר יידן אין ענגלאַנד (אַריינפיר) | אהרן ראָלין | 22 |
| יוסף ראַלניק און זיין דיכטונג | י. א. ליסקי | 25 |
| אַ בילד פון ענגליש־יידישע פרויען־שרייבערינס | אָלגאַ סמך־פּיליפּס | 29 |
| נייע יידישע ביכער (רעצענזיעס) | ש. י. דאַרפזאָן | 35 |
| אברהם סוצקעווער חי אַ דיכטערישע פערזענלעכקייט | יחזקאל בראָנשטיין | 38 |
| יידיש טעאַטער אין לאָנדאָן | ש. י. האַרענדאָרף | 43 |
| נאָטיצן פון אַ לייענער | מ. אַלמאַן | 45 |
| צום 70־יאָריקן יובל פונם „אַרבעטער פריינט" | ש. | 47 |
| לאָנדאָנער קולטור ידיעות ; די שבת נאָכמיטאָגס | | 48 |


**פרייז 1 שילינג און 6 פענס**

**אַבאָנענט־פרייז :—6/19 פאַר אַ יאָר**

**אין אויסלאַנד :—5 דאָלאַר אַ יאָר**

אַדרעס פון רעדאַקציע און אַדמיניסטראַציע :—
"LOSHN UN LEBN," 17 Delamare Buildings,
Collingwood Street, London, E.1. England

*Published and Edited by* A. N. Stencl, *17 Delamare Bldgs., Collingwood Street, London, E.1, and printed in England by The Narod Press, 129-131 Cavell Sreet, London, E.1*

פערלאַג נאראד פרעס ווינטשן קליענטן, אַנגעשטעלטע און חברים
אַ כתיבה וחתימה טובה.

### (המשך) קולטור ידיעות

די גוט־באַקאַנטע אַקטריסע ראָזע חאַקסמאַן, די פרוי פון אַמאָל־באַרימטן אַקטיאָר משה דוד חאַקסמאַן, איז געשטאָרבן נאָך אַ לאַנגער קראַנקהייט.

• • •

דר. בראָצקי חיילט איצט אין לאָנדאָן. די „גרופּע פרייע אַרבעטער שטימע" אַרדע־נען אים איין אַ פאָרטראַג אין אַרבעטער רינג, מיטוואָך, דעם 15־טן סעפּטעמבער, 8 אַזייגער.

• • •

דר. פינקלשטיין, דער פאָרשטייער פון די איטא ישראל חיילט זייט אייניקע חאָכן אין לאָנדאָן.

• • •

דער פאַריזער אַקטיאָר משהלע בראָק איז אַנגאַזשירט געחאָרן אין גרענד פּאַלעי.

• • •

אַ בראַנדזש פון אחדות העבודה האָט זיך פאָרמירט אין דער איסט־ענד. איינע פון אירע צילן איז אויך צו פאַרברייטערן די די יידישע קולטור־אַרבעט.

דער שרייבער און קולטור טוער פון אַפ־ריקא פריינט שור האָט געחיילט אויף זיין דורכרייזע אייניקע טעג אין לאָנדאָן. די ייח"אָ האָט איינגעאָרדנט פאַרן חשובן גאַסט אַן אָחנט. א. מ. קייזער האָט געפירט דעם פאָרזיץ.

• • •

משה מאַלינאָחיטש אויף זיין נסיעה קיין פאַריז אַלס דעלעגאַט פון ישראל צו דער קאָנפערענץ פון די חעגעטאַריער, חיילט אין לאָנדאָן. זונטיק, דעם 18־טן סעפּטעמבער, 8 אַזייגער, חעט דער גאַסט האַלטן אַ פאָר־טראַג : דאָס נאַטירלעכע און גייסטיקע טאָג־טעגלעכע לעבן, אין רעסטאָראַן, 62 ניו רויד, צוזאַמענגערופן פון „פריינט פון יידיש לשון".

• • •

דער ערך־אָחנט פר מאַקס באום אין גרענד פּאַליי ביי אַ פול געפּאַקטן זאַל איז געחען אַ גרויסער דערפאָלג פאַרן אַקטיאָר און פאַרן טעאַטער.

• • •

### ביכער פון פאַרלאַג „לשון און לעבן

| | |
|---|---|
| „חייטשעפל לעבט" (אַנטאָלאָגיע פון עטלעכע 20 יידישע שרייבער) | 10/- |
| „שיידעוועגן", אַ בוך דערציילונגען פון י. ביעטש | 10/- |
| „ווידערוווקס", אַ בוך לידער פון א. נ. שטענצל | 12/6 |
| „טעאַטער־קאַראַוואַנען", פון ש. י. האַרענדאָרף | 15/6 |
| „פאַמאַכעט דער כעלעמער פאָעט", שמואל חהייט | 7/6 |

מיט באַשטעלונגען זיך צו חענדן אויפן אַדרעס פון :
LOSHN UN LEBN, 17, Delamare Bldgs., E.1.

**LEYTON KNITWEAR CO. LTD.**

*MANUFACTURERS OF KNITTED GOODS & SPORTSWEAR*

IMPORT - EXPORT

518 Lea Bridge Road - Leyton, London, E.10